STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08695

DIMYENES

Jacob Mestel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Copyright 1921 by Jacob Mestel New-York

שרה'לן - דאָס גוטן מיידל -
[illegible]

ד מ י ו נ ו ת

דעֶם גרויסעֶן גייסט פֿון מיין אָבגעֶשיידטעֶן חבר

ד ר. צ ב י ש פ י צ ע ר־ב י ק ע ל ס

יעקב מעסטעל

דמיונות

איין דור / איך / גלגול

אייגענער פארלאג וויען־ניו־יארק 1921
הויפטפארקויף: פארלאג „אידיש“ ניו־יארק

א י י ן ד ו ר

ער

זי

דעם אויר'ם גייסט

I

דעם אויר׳ס גייסט:

וועק אויף דיין לאַך, דערוועקטע רוה
איך קום פֿון דיר —
צי הערסטו? דו!
וואו ביסטו — וואו?
וואו ביסטו? וואו?!

ער:

אויף פֿעלזענשטיין
דערוואַכט אין שטילען מיין נעביין — —
איך פֿיהל עס קוים — —

דעם אויר׳ס גייסט:

שטעה אויף פֿון אייביקייטענס טרוים —
דערוועק דיך, דו!
דיין זאַפֿט איז בלוט —
און מענש ביסטו — —
ניט רוה!

ער:

מיין זאמען בליהט אויף ברייטער ערד— —

דעם אויר׳ס גייסט:

ער האָט דאָס רופֿען מיינס דאהערט!

פֿון וואַסער־שוים אויף פֿעלזענשטיין --
פֿון ליכט באַשטראַהלט ביז בלום־באַצווייגט, —
דיין ברוסט זיך וועקט, דיין אויג צעגלאַנצט —

עֶר:

— און, זונ־באַקראַנצט,
מיין נומען שווייגט.
איך בין אַליין...

דעם אויר'ס גייסט:

דיין האַרץ צעבליהט אין לאַך־געוויין!

עֶר:

פון ערדיש־לאַנגער, גרויער צייט
צעשוועבט מיין אויג אין ווייטער ווייט,
און גלידער'ס הײם צעשטורעמט בלוט
פאַרשמאַכט נאָך לעבענ'ס אייביקייט —

דעם אויר'ס גייסט:

— נאָך לעבענ'ס אויפגעצוואונגען גליק,
נאָך ליעבעס־שפיעל.

דאַהייב דיין בליק
און זעה ווי נאָהנט עס ליענט דיין ציעל —

עֶר:

איז דאָס מיין טרוים?

דעם אויר'ס גייסט:

ס'איז דיינע בליהטענ'ס זאָמענ־שטויב.
אַ יונגער בוים.
ווי דו.
עס שטעהט די — זי!

II

עֶר:

אָ אייביקייט!

דעָם אויר׳ס גייסט:

הי — הי... הי — הי!...

עֶר:

איך האָב נאָך דעם זייט לעבענס־פּריה,
זייט האַרצ־באַגין אין ווער געגארט —

זי:

צי זעהט ער מיך? —

דעָם אויר׳ס גייסט:

הי — הי... הי — הי!...

זי:

מען רופט מיך „זי".

עֶר:

אָ דו! אָ דו!
איך וויל אין בענקשאַפט האַלזען דיך!

זי:

אדאָם בין איך.
מיין לייב איז לאַטשטשענדיג און ווייך,
מיין ברוסט איז יונג און רויזען־בלייך,
מיין אויג איז פאַרביג ווייס און בלוי —

עֶר:

אָ גאָט־געבענשטער הימעל־טוי!

ז י:

איך דאַרף אַ'ן אָנלעהן צו מיין שוץ —
מיין גאַנג איז שוואַך...

עֶ ר:

מיין ברוסט צום טרעטען דיר באַנוץ!
מיין זאַפט און קראַפט צום דורשט דיר מאַך!

ז י:

פאַר מיינם א לאַך?

ע ר:

ווי רויט דיין ליפ,
ווי ווייס דיין ברוסט!
אין ד'אויגען הימעלס קלאָרע ליכט!
לבנה־שיין איז דיין געזיכט
און דיינע האָהר ווי שטראַהלען פעך!
צי ביסטו פרייד? צי ביסטו גליק?

ז י:

פאַר מיינם אַ לאַך?

עֶ ר:

באפעהל מיט אויגענס פלינקסטען בליק, —
און פעלזען־בערג פאַר דיר איך ברעך!

אָ דו!!

אין דיינע אָרעמ'ס זיסער רוה
מוז זיין דאָס לאַנד פון יונגען וויין, —
וויל איך טרינקען אָהן אַ זעט!
צי ווייסטו ווי דאָס גליק צו זיין?...

זי:

איך בין דער קוואַל.

ער:

און איך דער דורשט,
וואָס טרוקענט אוים די ימים׳ס תהום.
דו ביזט דער קוואַל, — און איך דער פלאַם
וואָס גראָבט זיך טיעפער ווי דער ים,
וואָס פלאַקערט העכער ווי דער טרוים.
איך בין די קראַפט פון יוגענד׳ס הויך!

די ליפּ מיר גיב!

זי:

ווי שטאַרק און רייך!

ער:

דו שעהנע, דו!...
פאַרשענק מיר רוה...

מיין געבליהטענ׳ס פיעבער־פלאַם
וויל אויפגעהן אין דיין יונגען ים —
דו קענסט איהם ניט? דו ווייסט איהם ניט?
נו, קום!

זי:

ש ש... ציט! ש ש... ציט...

ער:

דו פלינקע מויז מיט קאַצענ־טריט...
ווילסט פאַרשען מיין פאַרלאַנגען פריהר?

איך ברענג דיך אין מיין שלאָס צו מיר,
איך קניה, דיין קנעכט, צופּיסענס דיר,
איך פלעכט דיר קרוינען פון מיין שיר —
נור קום, נור קום,
נור קום צו מיר!

זי:

ש ש ... ציט! ש ש ... ציט... עס פיהרט צו מיר
אַ ברייטער טייך — —
קאָנסט שווימען דו? קאָנסט שווימען דו?

ע ר:

ווּעסט וואונדער זעהן!

אָ דו!!!

זי:

ווי שטאַרק און רייך!

ע ר:

אין שאָטען קום.

זי:

ווי שטאַרק... ווי רייך...

ע ר:

נעם מיך ארום...

דעם אויר'ס גייסט:

אָ - הי... אָ - הי...
דער „ער" און „זי"
אין לעבענס-בליץ...

III

ע ר:

אין שטראַהלען־גלאַנץ,
אין פלאַמען־טאַנץ
וויל איך פאַרזינקען אין דיר גאַנץ!

ז י:

באַשיץ מיך, דו.

ע ר:

מיין האַרץ פאַרגעהט — —
ווי שעהן ביסטו!

ז י:

איך נעם דיך אין מיין אָרעם צו —
האָסטו מיך האָלד?

ע ר:

דו יונגע רויז!

ז י:

און גיסטו מיר
דיין אוצר גאָלד?

ע ר:

אָ מיידעל־שויס...

ז י:

עס שלינגט מיך איין דיין אויגען־גרויס.

און גיסטו מיר דיין אוצר גאָלד?

ע ר:

פאַר ברוסטען־זיס,

פאר מיידעל־זאפט
פון האָהר און ליפ —
מיין האַרץ, מיין מענער־קראַפט
דיר נעם!

זי:

נו, גיב, נו, גיב.
איך וועל מיר ציערען מיינע פים
און עהלען מיר דעם קאָפ —

ער:

— און זונען וועלען שטראַהלען
אויף דעם גליק, וואָס איך דיך האָב!...
אָ דו! אָ דו!

זי:

ווי רייך ביסטו...

ער:

דו אויגען־פלאַם!
דו יוגענד'ס אויסדערוועהלטסטער שטאַם!!

דעם אויר'ס גייסט:

האַ — הוי! האַ — הוי!
מיט פרישען טוי
אויף בלומען־שטויב און בלומען־זאַפט!
באַשאַפט, באַשאַפט,
וואָס אין אייך שלאָפט!
האַהוי... האַהוי...
אַ בלום און טוי...

IV

ער און זי:

אין צוויי'ן אַליין
נור איין צו זיין!
מיט זיך באַהעפֿט!...
מיט זיך באַהעפֿט...
אין לעבענס זאַפֿט,
אין פֿלאַם און קראַפֿט
דעם ברען
ניט קען!
ניט הער,
ניט זעה,
און גאַנץ פֿאַרגעה
ווי גליק אין פֿרייד —
אין אייביקייט!!
אין צייטען גרייט!!
געהאַלזט... פֿאַרפֿלעכט...
ביז זעלע ברעכט!
ווי טויענ־זעט...!

ער:

אזוי פֿארגעהן!...

זי:

אין ברען, וואָס שאַפֿט...

ער:

...עס איז געשעהן...

זי:

דו מענער־קראַפט!

דעם אַויר׳ס גייסט:

געשלאָפט... געשלאָפט...

ווי מיד זיך ציעהט

דאָס ליעבעס־ליעד...

אַ — אַ — אַ...

V

זי:

וואָס איז געשעהן?

ער:

דער ארבייטס־ טאָג

קומט אָן מיט שטויביג־ברייטען וועג...

זי:

מיין מאַן ביסטו!

ער:

איך בין.

זי:

וואָס איז געשעהן?...

מיין גוף איז בליי...

און מיינע שטילע, שטומע וועהן...

ער:

ווי גריל׳ס געוויין איז דיין געשריי.

זי:

מיין מאַן דאָך זיי.

ער:

איך בין דער מאַן אין הויזגעזינד.

זי:

דו ליעבסט מיך ניט!

ער:

נו, זיי קיין קינד.

זי:

עס פּלאַטערט מיר דאָס האַרץ און גליעד — —
וועה!!!

ער:

זעה!
געפרייזט! געלויבט! א שמחה קומט!
די פרייד פאַרנעם!

דעם איר'ס גייסט:

אָ — האָ! אָ — האָ!
הל — לו — יה!
עס איז שוין גרייט
אין בלינדער פרייד
צום נייען בליהן
א פרישע צווייג —
פאַרשווייג, פאַרשווייג,
דו אלטער מין
אין נייעם דור — —

VI

ע ר:

ליעבע, גוטע מאַמע דו...

ז י:

מיין זוהן! דו טרייסט
פֿאַר מוטער־וועה.

ע ר:

א שטורעם קומט.

ז י:

היל איין דאָס קינד.

ע ר:

דיין אויג זיך טרערט?
ס'איז בלאַס דיין ליפּ...

ז י:

פֿאר פֿרייד, מיין טרייסט.

ע ר:

מיין קדיש דו...
מיין מאַמע דו...

א גראָהע האָהר?...

ז י:

ניט צעהל די יאָהר — —
דער זוהן! דער זוהן! דער אוצר מיין...

ע ר:

דיין אויג איז ווי אין שאָטענס טריב...
דיין לענד פֿאַרגעלט...

זי:

מיין זוהן! מיין זוהן!

ער:

דיין פֿרישקייט האָט זיך אָבגעטון...

זי:

מיין ווייבער לייב און רויזיג בלוט — ?

ער:

איז וואַסער־שוים,
וואָס רוישט אין צייטענס הויך־מינוט...

זי:

געווען א בוים...

ער:

איצט בליהט —
די צווייג...
עס קומט דער לעצטער קלאַנג פֿון ליעד.

זי:

די קראַפֿטען דיין!

ער:

די זרע, וואָס איך האָב פֿארפֿלאַנצט,
זי איז געזעטיגט אין באַגער — —
ניט וואַקסען וועט קיין צווייגעל מעהר —
דער לעבענס־שפּאַן איז אָבגעטאַנצט...

זי:

און אונזער בענקען? אונזער וועג?

עֶר:

ער ענדיגט מיט די אָסיען־טעג,
מיט וויס־פֿאַרוועלקטער טרוימען־פּרוכט
און פֿריידען־שניט...

זי:

מיין וועג...

דעם אַויר׳ס גייסט:

הי — הי... הי — הי...
אין טאָל זיך גרייט דער „ער" און „זי"...

נאָך איז אויף צווייג
א פֿולע פֿייג — —
דערנאָך פֿאַרשווייג —
הי — הי... פֿאַרשווייג...

VII

זי:

שטילע זענען דיינע גענג
און דיינע בליקען קאַלט.

עֶר:

איך מעסט דעם לעבען׳ס ברייט און לענג —
מיר זענען אַלט.

זי:

דו שיידסט זיך אָב?!

עֶר:

מען מוז פֿון בארג אין טאָל אַראָב.

ז י :

און אונזער זוהן — ?

ע ר :

ער ווערד דער יונג־צעבליהטער בוים.
מיר שטעהען שוין ביים לעצטען זוים —
און זענען נור געווען אַמאָל...
איצט פיהרט דער וועג אַראָב צום טאָל, —
און אומפאַרענדערט איז זיין ציעל...

ז י :

און אונזער צוועק?

ע ר :

ס׳איז אָהן א ברעג
דעם לעבענ׳ס שפּיעל.
צום הימעל בליק —
און האָפנונג זעה.
איך געה.

דעם אַייר׳ס גייסט :

הי — הי...י...י...י..., הי — הי...י...י...י...!
דער ער? די זי?
אַ טאַנץ — א קראַנץ
פון שטויבענ־גלאַנץ —
פאַרבליה!
הי — הי...י...י...י..., הי — הי...י...י...י...!
א מענש ביסטו!

איצט געה צו רוה —

מיט גאָט אין בליק.
דער טרוים — דיין גליק!
די פרייז און לויב — —
דאָך ווערסטו שטויב
אין וועלטענס שטומען ווירבעל־ווינד.

הי — הי...הי — הי!
דאָ בלייבט דיין קינד
און זוכט א „זי" —
און יאָגט דיר נאָך אין וויסטען פליה!
א דור!!

הי — הי! הי — הי!

דער בוים? א טרוים!
א וואַסער־שוים
און הויכען־פליה — — —
דור!!
הי...הי...
הי — הי — הי — הי!...

„א י ד"

דזשיאָוואַני

אַגנעס

שליח

ווידער־קול

פֿארבען־רייכע דרום־געגענד. — — דער טאָג האלט

אין פֿארגעהען. — — אין הינטערגרונד פליסט

א וואַסער, וואָס שלענגעלט זיך ארוים פון הויכע

ברעגעם. — — גאנץ ווייט אויף א שפּיץ בארג,

אַ פּירשטען־שלאָס — פֿול פּראַכט און רייכקייט.

I

(דזשיאָוואַני, פּאַרטיעפּט אין גערענקען. — שליח לויפט אריין)

שליח:

ער קומט!

דזשיאָוואַני: (איהם אקעגען פּאַרווירט)

אליין?

שליח:

ארומגערינגעלט מיט דער מאכט
פון שקלאַוועס'ס טריישאַפט: שטאהל און קנעכט־פּאַראַדאכט.
אויף ווייסען שימעל, דרייסט ווי גליק
און פּלינק ווי אָטער־שלאַנגענ'ס בליק,
מעסט ער יעדענ'ס שריט מיט אויגענ'ס שטאָלצער נאכט —
ווי וואָלקענס שוואַרץ.
דאָס פֿאָלק זיך בייגט און קניהט פאר איהם...

דזשיאָוואַני:

אָ שקלאַוועז־האַרץ!...
איז ער נאָך ווייט?

שליח:

אויף זומפּענס ברייטען גראַד זיך ציעהט דער זיעגעס־צוג.
א ווילד געשריי און שלאַכטען־ליעד צעטראָגט זיך ברייט,
דער כהן צינט אין ווייהרויכס פלאַמען דעם בעטרוג
און געהט פּאַראויס.

עס איילט אפנים יעדער זיך צו ווייב און הויז,
דען יעדענס בליק לויפט דורך דאָס פעלד
און יעדענס ברוסט אין פריידען קוועלט.

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י !

זייער פרייד וועט זיך טרענקען אין אייגענעם בלוט!

זיי זענען פיעל?

ש ל י ח :

א מחנה היבש.
דאָך מעהר פון זיי איז אונזער מוט:
צעיאָגען וועט זיי אונזער גלויבען אָן דעם ציעל
צו פרייהייטס־טעג!
אויף שקלאווען, וואָס ער האָט געפאנגען,
פיהרט ער מיט זיך מיט.
צי וועט דען זייער קייטען־שריט,
פון אונז באפרייט, ניט געהן אויף אונזער וועג?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

דו מיינסט?...

ש ל י ח :

איך גלויב!
עס וועט דאָך מוזען אונזער רוף
באוועגען יעדענס שווערע ברוסט.
און דעמאלט, פריי און ציעל־באוואוסט,
וועט **אונזער** זיין דער זיעג!

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

וואלט נור ניט דאס אויג זיי אומזיסט
זיך געזשארעט אין שווערען צער...
דו פרומער גלויבער, וואס דו ביזט!...
דער מענש איז פארדונגען צום טעגליכען בלוט;

און ווער עס צעשטורעמט דאס בלוט איהם אין הארצען,
דורך קנאה, צי האס, צי דורך בלוטיגען קנוט, —
דער איז איהם ליעב און איז איהם גוט,
און ווערד זיין האר...
און איז דאך מענשענ׳ס הארצענ־שטאלץ
דער קנעכט פון מאָגענ׳ס פרייד־מינוט...

דאך געה און לאז דעם גורל ווארפען,
ווענעס שווערד עס זאל זיך שארפען
אָנצופיהרען היינט דעם שטרייט.

און ווען א מחנה קנעכט זיך שטעלען
ווי א פאנצער פאר זיין ברוסט, —
מוזט איהר אלע זיין בערייט!

ש ל י ח:

דו ווערסט אונז טרעפען אנגעגרייט.

(אב)

II

ד ז ש י אָ ו ו א נ י:

ווי שטאלץ ער האט זיין שלאס געבויט.
אויף הימעל׳ס נאָנטסטען פעלזען־שפיץ
שפעט ער אב פון שקלאווענס טאל — —
טיראן! דעם פורפור אויף דיין הויט
פארצערען וועט נקמה׳ס בליץ
און דיין נצחון־רויטען בליק
וועט בלענדען באלד דער בלאנקער שטאהל!

א קרוין פאר א זיפּין און א טראן פּאר א׳ן אוי,
ביז גלייך און גערעכט וועלען ווערען אזוי
די שריט פּון פאַרוואָגעלטע מענשען, —
ביז שטעגען, געהאקטע דורך גלייבע מזלות,
עס וועלען זיי פיהרען פּון אייביגער נויט!

איך זעה איהם —
איך זעה שוין דעם טאג, וואָס וועט קומען,
וואס וועט ניט פּארטראגען קיין האַרען און דיענען,
דער טאָג, ווען גזרות פּון הערשער פּארשטומען
אין נידריגסטע קנעכט זיך דערהייבען צום לעבען,
צום שטראָם פּון דעם לעבען, וואָס וועט אין זיי רינען!

זיי וועלען זיך דעמאָלט, דערלייזטע פּון שטויבען,
אויף זוניגע וועגען באוויזען, —
און ווער אן דעם ליכטיגען וואָרט וועט ניט גלויבען,
וועט אַכפּערען זיך פּאר דעם אַייזען!
(ציעהט זיין דאָלך)

פּאַר דעם אַייזען...
(באַטראַכט דעם דאָלך)

...קאַלט ווי די הערצער פּון שטאָלצע טיראַנען
און שטום ווי דער טויד, וואָס עס אַקערט...

III

(אַ נ נ ע ם קומט מיט דער לאַנקע)

אַנ נ ע ם:

דזשיאָוואַני!

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י: (כמעט דאשראָקען — באהאלט דעם דאָלך)

אַננעם.

אַ ג נ עֶ ס:

װאָס ביסטו אַזוי אין מרה־שחורה?

ד ז ש י אָ װ אַ נ י:

צי ליעגט ניט מרה־שחורה אויף ערדענס געװעבען?
קוים האָט װער די ערד נאָר באַריהרט מיט די װילען,
פאַרזינקט אין מרה־שחורה זיין לעבען...

זעה אויף די שפּיצען די פּראַכט פון די שלעסער,
און דאָ, אין די זומפּיגע טאָלען, פאַרפּוילען
שקלאַװען אין ביטערסטען בעטען און געבען...
איז דאָס ניט מרה־שחורה?

אַ ג נ עֶ ס:

שוין אָפּט האָט דיין װעהטאָג מיין פרייען צעריסען
מיט תהומים, װאָס טיילען דעם שטאַרקען פון שלאַפּען.
אויך איך זעה דעם אָבגרונד: מיין האַרץ איז פול מיטלייד;
דאָך איז דען פון היינט ערשט די גרעניץ געשאַפען?

ד ז ש י אָ װ אַ נ י:

איז אייביג דאַרום די מרה־שחורה...

אַ ג נ עֶ ס:

ביסטו דאָך שטאַרק! ביסטו דאָך גרויס!
דיין װאָרט װעט פּולען טאָלענס שויס,
און מיט אַיעדען האַמער־קליאַפּ,
און מיט אַיעדען אייזען־שטויס
װעסט נייגען דו דעם פעלזענס קאָפּ!

ד ש י אָ װ אַ נ י:

איז — גלויבסטו אַן מיין װילענ׳ס קראַפט?
גלויבסטו, אַז מיין אייביג װאָרט

ווען האָבען קנעכט און האַר דערגרייכט,
און ווען זיי ברענגען צו דעם אָרט,
וואו טאָל און באַרג איז אויסגעגלייכט?

אַגנעס:

איך גלויב אן הערצערס ליעבעס־מאַכט.
אַ זעה: פון בארג׳ס צעבליהטער פראכט
שטייג איך איצט צו דיר אראָב —
צי האט דיין גליק זיך ניט צעלאכט?
צי קארג איך דיר די זיסטע גאב?

דו ליעבענס־טאל, וואס האסט געבראכט
דעם פרישסטען קוואל מיין פלאמען־ליפ —
צי וויעגט ניט איין דיין טרוימען־נאכט
מיין הייסען ברען, וואס איך דיר גיב?
צי איז אין אונז, ביז הארץ דערגרייכט,
דער בארג און טאָל ניט אויסגעגלייכט?

דזשיאָוואַני: (פול פרייד)

דו איינציג־מיינע, גליק־באַרייכט!
דיין אויג איז קלאָר ווי הימעלס ים
און ליכטיג ווי דער זונען־פלאַם,
הייליג איז דיין פנים׳ס פרייד
ווי הייליג ס׳איז די אייביקייט.
נור איז דיין האַרץ, דיין ליעב־פול האַרץ,
א טויען־רויז אין בלאַט פאַרמאַכט,
אַ שטילער טרוים אין שטומער נאַכט,
אַ פלעצליך ליכט אין טיעפסטען שוואַרץ...
ווער ביסטו, צאַרט־פאַרוועהטער ריח,

וואָס פּלאַקערסטו אויף אין הייסטען פּלאַם?
פון וואַנען קומסטו, גליעדער־ווייך,
און אזוי שטאָלץ, און אזוי רייך —
ווער איז דיין לאַנד און ווער דיין שטאַם?

אַגנעָס:

צי מוז די פּעלדערס גרינער ברעג
דערפּאָרשען טייכעלס ווייטע וועג?
די שלאַכטענס שפּורען — נעם פּאַרמעק,
און פּרעה דיך, גבור, מיט דיין זיעג.
איך קום פון ניט־געצעהלטע שעה'ן,
פון ניט־געמאָסטען לאַנד צוגעהן —
דאָך זעה, מיין ליעבסטער, קוק מיך אן
ווי יונג איך בין, ווי איך בין שעהן — —
טרינק אוים דעם קוואל ביז טיעף אין גרונד,
נעם זאַק־רויב אָן מיט האַרץ און האַנד!
צי אויף מיין שטאַם און אויף מיין לאַנד
וועסטו נאָך פּרעגען אויך אצינד?

דזשיאָוואַני: (האַלזט זי)

איך הייל ביי דיר מיין האַרצענס־וועה.

וויעדער־קול:

דזשי — אָ — וואַ — ני!

דזשיאָוואַני: (דערמאַנט זיך פּלוצים)

איך געה!

אַגנעָס:

וואוהין?

דזשיאָוואַני:

אויף טאָל־דערפֿול און באַרג־צעפּאל!
עס קלינגט ווי שופֿר'ם ווידער־שאַל
אין האַרצענ'ס בלוט, אין ברוסטענ'ס שטאָלין —
צי הערסטו ניט? צי פֿיהלסטו ניט?
שוין אויסגעשפּרייט איז ברייט די פֿאָהן —
דאָרט גרייט זיך איצט דער משפּט אָן!

אַגנעס:

גנעה, און ברענג די פֿרייד אין דיר!

דזשיאָוואַני: (מאכט זיך פֿריי)

דאַן וועלען מיר די פֿרייהייטס־טיר
פֿון באַרג צו טאָל, פֿון טאָל צו באַרג,
באַשאפֿען פֿאַר דעם ערדען־קינד,
עס זאָל פון מענשענ'ס האַרץ און קאַרק
אראָב די קנעכטענס שווערע שמאַך
און קעניג'ס זינד!

אַגנעס:

דאַן וועלען מיר אין ליעבע זיין
ווי געטער נאָך דעם נעקטאַר־ווײַן — —

דזשיאָוואַני:

ווי שוועסטער־ברודער און ווי פריינד — —

אַגנעס:

פֿאַראייננט!

ווידער־קול:

דזשי — אָ — וואַ — ני!

דזשיאָוואַני:

כ׳בין אָנגעגרייט — איך גיי!

אַגנעס:

גייט, און מזל פֿאַר זיך זייט,
און קום אין פֿרייד צוריק!

דזשיאָוואַני:

איך קום צוריק, איך קום צוריק
מיט הייליקייט אין בליק!

אַגנעס:

און מיט דעם גליק! און מיט דעם גליק.

דזשיאָוואַני:

איך גיי.

(אָב צווישן די הויכע פּלויטן)

IV

אַגנעס: (קוקט אים נאָך)

גליק און פֿרייד מיט דיר.

איך שטעל מיך איצטער אויף דער טיר
פֿון אונזער היים, און וועל אין שטומען
בענקען וואַרטען אויף דיין קומען.

(פֿאַרקלערט)

די האָפֿנונג בליהט אין מיר ווי זאָמען
אין דעם פֿריהלינג־ווינד, —
אין מיין האַרצען וויל איך וויעגען
שטראַהל און גרויסקייט פֿון דיין נאָמען,

דיין געבוירענ־זיין און זיעגען —
אונזער פּריידענ־קינד!

(ווי די וואָלט א קינד פּאַרוויעגט)

קומען וועט ער! ער וועט קומען
מיט א שמחה באַלד צוריק —
טויזענד פלאַמען, גלייך די שטערען,
וועלען שטראַהלען פון זיין בליק.

קומען וועט ער, אונזער גבור,
יונג, באַנייט, פּאַרוויעגט
אין לויב פון טויזענד דורות,
וואָס זיין וואָרט באַזיעגט.

וויעדער־קול:

היי — ליג, היי — ליג, דזשיאָוואַני!

אַגנעס: (הערט זיך איין — דאָן פּול פרייד)

ער! ס'איז ער! ער ווערד געהייליגט
דורך זיין פרומער עדה דאָרט,
זיין נצחון ווערד פאַרגעטערט
דורך באַפרייטענס הלל־וואָרט.
כבוד, כבוד דיר, געזאַלבטער!
אויף די מענער'ס שטאָלצסטע הייכען
זאָלסטו שפרייטען דיינע שווינגען
און די זון דורך זיי דערגרייכען!

הייליג, הייליג! דיר אַקעגען
לויף איך איצט אויף וואונדער־וועגען.
זאָל דיין קרוין אין שכינות גלאַנצען —
איך וויל טאַנצען, איך וויל טאַנצען!

V

(דזשיאָוואַני קומט פֿאַרקלערט פֿון די הויכע בערגעס)

אַגנעס: (איהם אַקעגען)

ליעבסטער מיינער, ליעבסטער מיין!

דזשיאָוואַני:

איך בין ביי גורל׳ס דיין געווען...

אַגנעס:

איך האָב געהערט דאָס יובעל־שריי׳ן.
איך האָב מיט זעעלע׳ס אויג געזעהן
די זיעגעס־קרוין אויף לאָקען דיין.
פֿרעה זיך, פֿרעה זיך, מיין געליעבטער!
אויף די קברים פֿון די שררים
וועלען יונג־דערלייזטע ציעהען, —
ועט גבורה־פֿול א שורה
שטאָלצע זיעגער פֿאַר דיר קניהען!
זאָג, דערצעהל דיין אַגנעס אַלעס,
אַלעס וואָס דיין גליק באַלייכט.
וואָסזשע שווייגסטו, זיעגער מיינער?
זינקסט דעם קאָפּ? דיין אויג זיך פֿייכט?
טראָגט א סוד דיין שטילע טרער?

דזשיאָוואַני:

סודות געהען טיעף אין תהומים,
אויב דער קומער מאַכט זיי שווער...

וויעדער־קול:

וויק — טאָ — ריאַ! וויק — טאָ — ריאַ!

דזשיאָוואַני: (טוט א ציטער)

אגנעס:

דזשיאָוואַני! דזשיאָוואַני!
דאָרטען ציינט דיין קרוין זיך אָן!
דאָרטען פלאַטערט שוין די פאָהן,
עס וואַרט די איינציג־גרויסע שעה —
און דו דאַציטערסט דאָ?!
נעמט די פעסט פון בייזען יאוש
דיך פארצעהרען אין זיין שרעקען?
ווער וועט געהן דעם וועג אנטפלעקען?!

(געהט נעהנטער צו)

ביסטו נישט דער אויסדערוועהלטער?...

דזשיאָוואַני:

יא, איך.
איך זאָל נאָך גורל'ס ווילען
זיין דער ריכטער אויף דער ערד...

אגנעס:

דיין אויג פאַרווירט — עס אטעמט שווער דיין יונגע ברוסט —
וואָס איז געשעהן?! וואָס איז געשעהן...

דזשיאָוואַני:

מיין גייסט און זעעלע פלאָגט און צעהרט
א סוד, וואָס איז אין האַרץ געווען,
אין טיעפסטען, אומבאוואוסטען מוח,
אין שטילסטען פונק פון טהאַטען'ס כח — —
דער מוז געבוירען ווערען היינט...

אַ נ נ עֶ ס :

צי אויף דעם וועג פֿון באַרג און טאָל
פֿאַרזייען סודות שווארצע טריט?
צי ווייזען שאָטענס זיך צומאָל
אויך אין דער העלער פֿרייהייטס־טיר?
דען נור, מיר דאַכט, דעם שקלאַווענס שריט
פֿאַרפּענטען ריגלען פֿון א סוד.

דאָך האָסט א סוד דו, זאָג איהם מיר.
וועט זיין ער קלאָר ווי שטערען־שיין
פֿון אונטער כמאַרעס טיעפֿען שוואַרץ, —
ער וועט דאַן לייכטען, שכינות גלייך,
אין מיין באַגליקטען, שטילען האַרץ.
און וועט — ווער ווייסט דעם מענשענס גאנג?... —
זיין נפש זיין
די ערדען־זינד און טויד־געזאַנג, —
איך וועל פֿאַרגראָבען איהם אין שויס
פֿון שווייגען — ווי דער טויד נור גרויס,
און וועל אין שטומען האַרץ־פֿאַרקלער
פֿאַרצעהרען איהם אין זיפֿץ און טרער — —
נור זאָג איהם מיר, אנטפלעק איהם מיר.

איז ניט דער גלייכער שטעג דיין גאַנג?

ד זשׁ י אָ וו אַ נ י :

מיין נייע גליק־צעבליהטע זאַנג
דאַרף ציערען נור דעם גלייכען שטעג.
דאָך, ווען עס קומט א פֿעלז אין וועג,

און שטעלט דעם מענשענס פֿוס אויף ד׳ר׳ערד
אקעגען זיך — —

אַ ג נ עֶ ס :

דאַן . . . ?

ד ז ש י אָ ו אַ נ י :

דאַן שנייד איהם דורך מיין שאַרפֿע שווערד!

אַ ג נ עֶ ס :

דאַן פֿיהרסטו גליק אויף מעסער־שאַרף?

ד ז ש י אָ ו אַ נ י :

דאָס גליק דורך בלוט — אויב איך בעדאַרף!
(ציעהט דעם דאָלך)

אַ ג נ עֶ ס : (דערשראָקען)

אויך דו?! אויך דו ווילסט מענש־געפֿיהל
זאָל שוועבען איבער שוימען בלוט?
(נעמט זיין דאָלך)
דו שפּיעלסט מיט מיר א קינדער־שפּיעל.
(באַטראַכט דעם דאָלך — צעלאַכט זיך קינדיש)
איי — איי, ווי שאַרף, און ווי געשפּיצט — — —
אין בלאַנקען גלאַנץ דאָס לעבען זיצט
און זיצט דער טויד — — —

און דאָס בוי׳רט דורך אַיעדענס ברוסט
און שנייד אויף צוויי?
אויך מיינע, מיינע,
יוגענד־פֿול און יאוש־פֿריי?

ד ז ש י אָ ו אַ נ י : (שווייגט)

אַגנעס:

נו זאָג, נו זאָג! אויך מיינע צוויי?
אויך מיינע זיידענ־געלע האָהר?
צי וואָלסטו אָבגעהאַקט אויך זיי?
צי ווייסטו ווי זיי זענען ווייך,
ווי האַרציג־וואַרעם זונענ־בלייך?
אויך זיי? אויך זיי? נו זאָג... נו זאָג...

זאָל פּריווען איך זיין שאַרפֿען צאָהן?
(נעמט אָן דעם עק פֿון איהרע לאַנגע, לאַנגע האהר און העבט דעם דאָלך).

דזשיאָוואַני:

ניט ריהר איהם אָן! ער איז מיט גיפֿט!

אַגנעס: (האָט בליצ־שנעל א האַק געטון מיט'ן דאָלך — נאָך איידער עס וואָרנט זי דזשיאָוואַני. א פּענק איינענע האָהר בלייבט אין איהר האַנד. זי ווערד אויף אַמאָל ערנסט).

און אָט אַזוי קאָן שניידען דאָס
דעם מענשענס זיידענ־ווייכע קרוין — —

דזשיאָוואַני: (כמעט אומבאַוואוסט)

דעם מענשענס ברוסט און מענשענס האַרץ...

אַגנעס: (אויסער זיך)

און זעהסט דעם טויט?!...

(וואָס אַמאָל נעהנטער צו איהם און צערטליכער)

דזשיאָוואַני . . . דזשיאָוואַני . . .
דו ווערסט דאָך ניט — צוליעב מיין שרעקען, מיינע טרערען —
א בלוט־געוועהלטער ווערען! — ? . . .

דזשיאָוואַני: (דרייסט)

נאָך ווי! נאָך ווי! פֿאַרוואָס דען ניט?
מיין דאָלך איז שאַרף, מיין אָרעם פלינק
ווי פֿעלזען־אָדלער'ס שטאָלצער בליק,
און פֿיהרט צום יום הדין מיין שריט,
דאָן האלט איהם קיינער מעהר צוריק!
עס זאָל דער סוד מיין שפּיעגעל זיין:
פֿאַרמאָגט דער בעכער אַש, צי זיגעס־וויין —
איך ציעה די שווערד צום קאמף אַרוים
און שטעק זי איין, אַ רויטע פֿאָהן,
אויף חרבות פֿון דעם אייגען הויז!

אַגנעס:

מיך שרעקט דיין וואָרט!

דזשיאָוואַני:

ווי קאָן אַ שרעק באַפֿאַלען דעם,
וואָס צינדט דעם פֿלאַם צום קרבן אן?

אַגנעס:

און איז דער קרבן שוין געוועהלט?

דזשיאָוואַני:

אויך דער כהן איז באַרייט.

אַגנעס:

אָ ניין! דער כהן — דער ביסטו!

(וואַרפֿט אַוועק דעם דאָלך, נעמט אַרום דזשיאָוואַני)

איך לאָז ניט, ניין!

דזשיאָוואַני:

איך בין דערוועהלט!

א ג נ עֶ ס:

דו וועסט פֿאַרלאָזען גורל'ס צוים
און געהן מיט מיר.

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

און אונזער וועג, און אונזער טרוים?

א ג נ עֶ ס:

וועט זיין די היים. די היים פֿון גלויבען
און דער ליעבע, אונזער גליק.
דאָרט וועלען מיר דעם שעהנסטען שיר
פֿון לעבען זינגען ווי די טויבען.
איך וועל בעטען מיינע פֿלעכטען,
גאָלד־געטונקטע, ווייך און לאַנג,
וועט דיין האַרץ ביים איבערנעכטען
זיך ניט פֿיהלען מיד און קראַנק.
וועסט מיין לייב מיט קוש באַדעקען,
פּיעשטשען זיס און האַלזען צאַרט, —
וועסטו שטיל מיין אויער אַנטפּלעקען
יענעם סוד, וואָס איך ערוואַרט...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

און ווער וועט ערדענס שטעגען גלייכען?

א ג נ עֶ ס:

ניט מיר! ניט מיר!
דו האָסט דאָך ברידער... אפשר שוועסטער...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

מיך וועלען גרייכען
ברידערס האַס און שוועסטערס שפּאָט־גערייד...

וו י ע ד ע ר ־ ק ו ל : (ווייט)

דזשי — אָ — וואַ — ני ! דזשי — אָ — וואַ — ני ?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

יאָ ! איך בין שוין אָנגעגרייט !

(העבט אויף דעם דאָלך)

נאָך היינט וועט צעפּאַלען אין שטויב

דער גרעניצ׳ם לעצטער קיעזעל־שטיין,

און אויף זיין חרבה וועלען מיר

דער פרייהייט ברענגען לויב !

איצט העבט זיך אויף דער משפט מיינער —

אַ נ נ ע ס : (פול שרעק)

אויף וועמען דאָן ?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

אויף שטאָלץ און דערהויבען געלעכטער,

אויף קרוינען פון בלוטיגע שטיינער,

אויף פּויסטען, וואָס קאָווען דעם יאָך און די קנעכטשאַפט,

אויף פּעטער פון זיידענע טעכטער !

ש ל י ח : (פון ווייט)

דזשיאָוואַני !

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

עס קומט אַ חבר פון פאַרשטעק.

געה רוה זיך אוים ביים קיהלען ברעג.

איך וויל ניט: פרעמדע אויגענס בליק,

און ווען דעם פריינדס אויך, קלאָר און נוט,

זאָל רוהען אויף מיין הייליג גליק

און זאָל פאַרשוואַכען אונזער בלוט.

(ער פיהרט זי צום טייכעל רעכטס)

VI

(ש ל י ח קומט געאיילט, ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י געהט איהם שנעל אַקעגען. — אַ נ נ ע ם דאנעהנטערט זיך אומבאַמערקט — הערט זיך איין, אלץ מעהר געשפּאנט)

ש ל י ח:

זיי הויבען אָן שוין קלעטערען
אויף פעלזענס גלייכער וואַנד.
די רגע קומט — זיי אָנגעגרייט
און זאַמעל זיכערקייט אין האנד.

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

איך בין באַרייט.

ש ל י ח:

און נאָך ידיעות האָבען פריינד
פון פּאַלאַצ׳ס תחום צו אונז געבראַכט:
איעדער שומר איז זיין פיינד,
און יעדע דיענסט, און יעדער קנעכט.
זיי וואָלטען שוין פון לאנג געמאכט
א סוף צו הערשערס קרוין און פראכט —
זיי ווארטען נור אויף שטורעם־נעכט!

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

איז מעגליך דאס?

ש ל י ח:

ווי מ׳האט דערצעהלט.
דאך איז ביי איהם, פון פריהלינגס זינד,
א איינאונאיינציג האַרצענס־קינד,
א טאָכטער — יונג און פריש און לינד,

(זאָל שעהן זיין ווי די מלכה זון,
און גוט ווי בלאַס לבנה־ליכט) —

דזשיאָוואַני: (אומרוהיג)

וואָס איז מיט טאָכטערס שעהן געזיכט?

שליח: (בארוהיגט איהם)

אָ ניין: פון אונז קריגט קיינעם זי
אין גאָלדענע פלעכטען איינגעוועבט,
(צו פרום איז אונזער הארץ און וואָרט) —
דאָך אלע קנעכט און רייטערס דאָרט
זיך אַכפּעָרען פאר איהרס א בליק.
און מיר, ניט זעהען אזוי לאנג
דעם טראָן צעפאַל'ן אין שטויב און שטיק,
ווי לאנג ביי איהם די טאָכטער לעבט.

דזשיאָוואַני: (פאַרווירט)

און מיינסט...

שליח:

דו פרעגסט? פארשטעה מיך גוט:
מיט פאָטערס זינד־באפלעקטען קאָפּ
מוז שווימען אין גערעכטען בלוט
זיין טאָכטער'ס בלאָנדער זיידען־צאָפּ!

אַגנעס:

וועה!

דזשיאָוואַני: (קוקט זיך אום דערשראָקען — שפּרינגט צו צו אַגנעס)

ווער ביסטו!! ווער ביסטו?!

אַגנעס:

(וואַנקט, ווערד שוואך. איהרע קניע בויגען זיך; זי בלייבט זיצען א איינגעקאָרטשעטע)

דזשיאָוואַני: (קוקט באַלד אויפ'ן שלאָס, באַלד אויף אַגנעס — פּלוצים)

אַה!!!

(פאַרווירט געהט ער פון איהר אוועק און בלייבט שטעהען, מיט אַראַבגעלאָזענע הענד און געבויגענע'ם קאָפּ, ווי פאַרשטאַרט)

שליח: (שטוינט)

וואָס איז געשעהן?

פאַרליר קיין צייט — ער קומט דאָך אָן —

ווידער־קול:

דזשי — אָ — וואַ — ני!

שליח:

דו הערסט? דו הערסט? דיין דאָלך גרייט אָן!

דזשיאָוואַני: (קוים צום פאַרשטעהן)

כ'בין אנגעגרייט... איך קום אַ באַלד... דו קענסט שוין געהן...

שליח:

מיר וואַרטען דאָרט.

(אָב)

VII

(אַגנעס דערנעהנטערט זיך פּאַוואָלי אויף די קניעם צו דזשיאָוואַני'ס פיס, ער שטעהט אויף ווי פאַרשטאַרט, אומגעדרעהט)

אַגנעס: (תחלת שטיל, שוואַך — איהר קול וואַקסט וואָס אַמאָל אין שטאַרקייט)

געליעבטער..., פריינד... דו בענקשאַפט

פון מיין שקלאַווען־האַרץ און הערשער־בלוט...

איך קוש דיין טריט... איך האַלז דעם זוים פון דיין געוואַנד —

איך בענש אַיעדע גליק־מינוט

אויף דיינע אויסדערוועהלטע גענג . . .
דאָך זעה מיין בלוט־פֿארוועהטאגט הארץ
אין ברוסטענס טרויער־געפרעסטער ענג . . .
איך ווייס: עס זאל דיין קריגער־האנד
אין ליעבע קניפּען באַרג און טאל —
אָ וואלט נור ניט דיין זיגער־דאָלך
געוועהן דעם אייגען הארץ די נאָהל ! . . .
וואלט מיין פֿריהער טויט
נור ניט געוועהן דער סוף פֿון פֿאטער׳ס לעבענס־קנויט . .

קען זיין מיין לעבען איז געריננ,
איז ווי בריליאַנטען־טוי אין ווינד,
און דארט, וואו שטורעם רייסט די ערד,
פֿארכאפּט ער בלומען מיט דעם שטויב . . .
דאך ווילסטו, אַז אויף שקלאווענס ווינק
זאל זעהן דעם הערשער׳ס בלוט דאס קינד ?
צי איז ער ניט דער פֿאטער מיין ?!

ד ז ש י אָ ו וַ אַ נ י :

און זאל, צוליעב דעם בלומען־כוס,
די זרע ניט באַפֿרוכטבארט זיין ?
צי זאל צוליעב דעם פֿלאכען טאל
ניט קלעטערן דער שטורם אמאל
אויף גרויע פֿעלזענס שארפֿען שפּיץ ?

עס געהט א גלייכער וועג ארוים — —

אַ נ נ עָ ס :

דאך פֿיהרט ער אין דעם אייגען הויז !
דאך שענדט ער פֿאטערס פראכט־באזיץ

און ווינשט, מיט פֿאטערס שטאלצער קרוין,
זיין ק אָ פּ דורך קינדס געמיינעם לוין!

(עס דאהערט זיך א מוזיק, וואס ציעהט פֿארביי. אגנעס שטעהט אויף באנייסטערט)

אָ, הער!
אנגעגאָרט מיט שפּיעז און פּאנצער
קומט ער פֿון דער גרויסער שלאכט,
ער, מיין פֿאָטער, מיין געביעטער —
זעהסטו ניט זיין גלאנץ און פּראַכט?

אין דעם זיעגעס־צוג דעם לאנגען
קלינגען זיכער קריעגערס טריט — —
הער די שופרות, הער געזאנגען —
טויזענד שקלאווען פֿיהרט ער מיט!

ווי די אדלערס זיינע אויגען
בליקען שטאלץ אויף פֿייל און בויגען —
פּירסטען קניהען פֿאר זיין בליק
און דיענען צו זיין זיעג!

ד ז ש י אָ ו אַ נ י:
ווער ווייסט, וואָס ס׳איז דאס גליק...

א ג נ ע ס: (מיט געבעט)
צי טראג איך ניט אין הארצענס־שטראס
געבליהטען פֿון זיין שטאם?
און טליהעט ניט אין מ י י ן געהירען
ז י י ן געהירענ־פֿלאַם?
שטעק דיין אייזענ׳ס בלוטיג שטראהלען
אין דער שייד פֿון שטומען שווייגען
און באַפֿריי מיין הארץ־פֿארגעהן

פֿון יעמערליכע קוואהלען.
לאז ניט טאכטערס טויטען־מורא
אין דעם פֿאטערס בלוט דאזעהן!

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

און אונזער לעבענ׳ס ציעל?

אַ ג נ עֶ ם:

מוז ביינען זיך פֿאַר האַרצ־געפֿיהל,
וואָס קרובה׳שאַפֿט אנטפּלעקט!
צי זאָל ניט פֿאַר דעם פֿאָטערס זינד,
ווען אויך מיט שמאַך זיין קאָפּ באַפֿלעקט,
זיך מקריב זיין זיין אייגען קינד?
און דו? צי ביסטו ניט אַ קרוב מיר?
צי וועט דיין האַרץ, אין האַס פֿאַרדעקט,
ניט ווערען טויט־דאַציטערט פֿריהר,
דיין בלוט ניט בלייבען שטעהן אין לויף,
דערפֿולענדיג דעם בייזען חוב
אדאָרט, וואו דיין רחמנות וואָלט
נפשות צוויי געהערט?!
און איז מיין פֿאטער דיר אויך פֿרעמד —
בין א י ך — בין איך דיר גאָרניט ווערט?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

אַגנעס! אַגנעס! כ׳האָב געשוואוירען
איינצוּרייסען זיינע טוי׳רען,
מיט דעם דאָלך זיין ברוּסט —
אָדער מ י י נ ע דוּרכצוּבוירען!

אַ ג נ עֶ ם: (נעמט צאַרט זיינע הענד)

דזשיאָוואַני... האָסט געשוואוירען?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

כ'האָב געשוואוירען.

אַ ג נ עֶ ס :

און קאָנסט דיין פֿרייהייט ניט באַנייען ?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

עס קאָן מיך נור דער ט ו י ט באַפֿרייען.

אַ ג נ עֶ ס :

און ווילסטו שטארבען . . . ?

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

און דו ? און דו ?

אַ ג נ עֶ ס : (שטארק)

דאן געה איך מיט אין דיינע וועגען !

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י :

ווילסטו נאָכגעהן מיין פֿאַרטרויען ?

אַ ג נ עֶ ס :

אויב דו ווילסט נור פּריוועןְ,
צי קאָנסטו בויען
אויף מיין ליעבע ווי אויף מיין פֿרומקייט
פֿון באַגלויבטע —
וועל איך דרייסט דעם טויט אַקעגען,
ווי דיין שאטען, נאך דיר געהן.

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י : (פֿול פֿרייד)

דאן וויל איך נור מיין לעבענס־שיר
אין דיר, איז דיר אליין דאזעהן!

אַ נ ג ע ם:

דזשיאָוואַני...

דזשיאָוואַני:

שוועסטער מיינע, זיי געגרייט!
זאל די פרישע הארצענס־פרייד
באטויבען גאנץ דעם לעבען'ס לייד!

(נעמט זי ארום)

יונג צעבליהט אין ליעבעס־קווייטען
און באהעפט דורך פלאַם אין הארץ —
זאל דער גאנג אונז רויזען שפרייטען
און באַטויען מיט געוואַרץ!
פארלאז, געליעבטע, ערדענס זוימען,
ווען נור דערנער טראגען זיי —
אין דער אייביקייט וועט טרוימען
אונזער צוקונפט שעהן און פריי!

אַ נ ג ע ם:

דיר פארשענקט און איבערגעבען
איז מיין גליק און איז מיין לעבען.
דאך דער יוגענד'ס גרוים פארלאנגען...
פיהלסטו, ליעבסטער, ניט קיין באנגען?

דזשיאָוואַני:

אויך דער ליעבע'ס לוסט־פארוועבען
וועלען היינט מיר נאך דערלאנגען:
פאר דעם לעצטען תהום־פארזינקען
וועלען מיר דעם נעקטאַר, רויט
פון ליעבעס־פלאמען, זעטיג טרינקען —
וועט ער אונז פארשלעפען טויט!

אַגנעֶס:

זעה, איך ציטער אין אַ פֿייער...
האלז מיך, פיעשטשע מיך, געטרייער...
וויעג מיך איין אויף אייביג, ליעבער...

דזשיאָוואַני:

אין מיינע אָרעמס, הייסע שטראָמען,
וויעג איך דיך, אָ יונגע לוסט.
ריהרען ליפען אן די זאַפֿטען
פֿון דיין מוטערליכער ברוסט, —
בלייבען זיי פֿאַר זיסקייט האַפֿטען...
וויל איך באדען מיינע אויגען
אין דיין ברוסט, זי צו געניעסען,
מיט ליפענס שכרות זי צו זויגען —
מיינע בלוטען אנצוגיעסען!

(קושט מיט תאוה איהרע ברוסטען)

אַגנעֶס:

שעפּ מיט פֿולען, זאטען בעכער
אוים מיין ליעבעס־קוואל, דו קינד!
כ׳וויל דיך לאַבען מיט מיין זיסקייט
און דיך טוליען הארציג־לינד.

בענש מיך, ליעבסטער, מיט דיין ליעבע,
אז נישט פֿלאנצען זאל זי זינד —
זעטיג אן דיך מיט מיין פֿייער,
ביז מיין אויג וועט ווערען בלינד!

זעטיג אן דיך מיט די זאפֿטען
פֿון מיין ציטערדיגען לייב — —

שענק מיר ליעבע — שענק מיר קראַפטען —
אויסדערוועהלטער! כ'בין דיין ווייב!

דזשיאָוואַני:

וויל איך אונזער גליק, די ליעבשאַפט,
היילינגען מיט רויטסטען זיגעל —:
אויס מיין האַרץ'ס באַפרייטען ריגעל
זאָל זיך דיר מיין בלוט פאַרשענקען
און מיין זעעל' אין דיר פאַרבענקען!

(ער פאַרוואונדעט לייכט זיין ברוסט)

אַגנעס: (שפּרינגט אָב מיט שרעק)

בלוט!

דזשיאָוואַני:

קום, געליעבטע! מיין נשמה
וויל איך שענקען דיר אַצינד...

אַגנעס:

מיט מיין אָטעם וויל איך היילען דיר
דיין בלוטיג־הייסע וואונד — —

(קושט זיין ברוסט)

דזשיאָוואַני:

מיט די ברוסטען... מיט די ברוסטען...

אַגנעס: (טוליעט זיך צו'ן איהם)

דזשיאָוואַני: (פאַרהימעלט)

איז פאַרפלאָכטען, איז פאַרשפּונען
מיינע בלוטען, דיינע ברונען — —
בשמים־באַלזאַם־האַרצענס־פלאַמען
מישען זיך אַצינד צוזאַמען!

אַ נ ג עֶ ם:

דיינע אויגען גלאנצען, זינגען —

הלל־ליעדער לאז זיי קלינגען!

ליעבעס־ליעדער...

ב י יד עֶ:

זיך פארוויעגען... זיך פארוויעגען...

אייביג אין דעם שלומער ליעגען...

אייביג...

(האלזען זיך לאנג — פול ליידענשאפט)

וו י ע ד עֶ ר ־ ק ו ל:

דזשי — אָ — וואַ — ני!... דזשי — אָ — וואַ — ני!...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י: (באפרייט זיך פון איהרע ארעמס — שפרינגט אב פול מורא)

הערסט?... דו הערסט!?...

אַ נ נ עֶ ם: (קוקט דערשראָקען)

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

ניט דערפולט האב איך דעם גורל,

וואס געוואָרפען ס'האט א ברודער...

אַ נ נ עֶ ם:

אונזער גורל איז די ליעבע!

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י: (שוין וויעדער אין ליעבע בארוישט)

און דער טויט! דער ליעבעס־טויט...

אַ נ נ עֶ ם:

...איז א שפיעל נור פון דעם גורל...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

...נעם ארום מיך מיט די פלעכטען

פון דיין זונען־גאלדען האָהר,

װעב מיך אײן אין ליעבעס־נעצען,
אז ניט טרוים און ניט די װאָהר
זאל קאָנען שײדען מיך פֿון דיר.

אַ ג נ עֶ ס:

מײנע פֿלעכטען... מײנע נעצען...?
גוט, איך שפּין און װעב ארום —
דא א שורה, דא א גאַרטעל ———
װילסט דעם טויט, געליעבטער? — קום!

(זי פארװעבט איהם אין איהרע האָהר)

ד ז ש י אָ װ אַ נ י:

שטארקער נאָך, און מעהרער, פֿעסטער.
בינד מיך, װעב מיך, שפּין ארום מיך
מיט דער איבערקראַפֿט דער גרעסטער!

אַ ג נ ע ס:

מיט דער איבערקראַפֿט דער גרעסטער
קײטעל איך דיך איצט צו מיר —

(זי בינדט איהם פֿעסטער)

ביזט פֿארװעבט אויף אײביג, בעסטער!

ד ז ש י אָ װ אַ נ י:

פֿיהר אצינד מיך אויף די שפּיצען.
באלד װעט געהן די זון צו רוה,
װעל איך קוקען אין איהר פּנים
און װעל װיסען: דאס ביסטו!

אַ ג נ עֶ ס:

קום, געליעבטער, אויף די שפּיצען.

(זײ געהען)

דזשיאָוואַני:

אין שטראם פֿון אונזער יונגער ברוסט
וועט פֿליעסען רויט די ליעבעס־לוסט, —

אַגנעס: (אנגעלעהנט אויף זיין אקסעל)

קום, געליעבטער, אויף די שפּיצען.

דזשיאָוואַני:

וועט אין לעצטער טויט־מינוט
דער אבענד בענשען צו דער חופּה
אונזער איינס־געווארען בלוט.

אַגנעס:

ליעבסטער מיינער... ליעבסטער מיינער...

דזשיאָוואַני:

וועלען טויט־באהעפֿט געבליהטען
פֿון צעשיידען אונז באהיטען!

(ביידע שטעהען אויף די שפּיצען)

זעהסט דאס וואסער?
דארטען געהט די זון צו טבילה
יעדען אבענד.
וועט זי שטראהלען, פּורפּור־מאנטלען,
שפּרייטען רויט אויף וואסער'ס פֿלאַכען,
וועלען מיר אין תהום פֿארזינקען
און פֿון גאלד אַ דעק זיך מאכען.

דאס וועט זיין דער לעצטער זיגעל,
וואס דער ליעבע'ס סוד פֿארמאכט — —
וועט זיך דאן דער וואסער־שפּיגעל
אייביג סוד'ען אין דער נאכט...

(די זון הויבט אן פארגעהן)

אַ נ נ עֶ ס: (גאַנץ שטיל — ווי אין מורא)

דזשיאָוואַני... דזשיאָוואַני...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

די זון פֿאַרגעהט...
זינג'זשע מיט אין הארץ־פֿאַרגעבען,
זינג דאס זונען־ליד מיט מיר —
זאל דער לעצטער שעה פֿון לעבען
ליעבע קלינגען אוים מיין שיר!

אַ נ נ עֶ ס:

איך בין ביי דיר... איך זינג מיט דיר...

ד ז ש י אָ ו ו אַ נ י:

עֶס איז געווען אַ מעשה שעהן
פֿון קעניגס קינדער, הארץ־פֿארקלערט — —
נו, האבען זיי, דער ליעבע טריי,
ביי זונ־פֿארגעהן פֿארלאזט די ערד...

אין אַויר קלאָר, א טויבענ־פּאָר
דורך וועלטענ־ברייט און הימלענ־ווייט
געיאגט, געשוועבט אין ליבסטער פֿרייד —
האט אויסגעלאזט זיך אָרט און צייט...

א הארץ פול ליעבע און פֿול באנגען,
און א הארץ פֿול שטאלץ און מוט —
זענען ביידע שטיל פארגאנגען
ביי דעם אייגען קרבן־בלוט — —
זינגסטו, ליבסטע?

אגנעס:

יא... איך זינג... עס זינגט מיין זעלע...
ליעבעס־לידער... רויטע... געלע...
ס'איז געווען...

דזשיאָוואני:

... אויף שעהנער וועלט אַ יונגער העלד
האט ליעב געהאט א קעניגס־קינד —
איז אַ זינד דאס? איז אַ זינד?...

האבען איהם אין שטורעם־ליעדער
אנגעוויזען זיינע ברידער
אויף אַ האַרצענס בלוט־נקמה —
איז געווען דאס זיין נשמה...

האט ער אין אַ בין השמשות,
זון־פאַרגאלד'ט און ערד־באַפרייט,
מיט זיין ליעבסטער אנגענרייט
ליעבעס־בשמים, הימעל־טוי — —
איי דאס ליעד האט גאר קיין סוף!
ליבסטע מייגע—קום, פאַרטרוי!

(שטעכט זיך — פאלט)

אגנעס: (אבגעקעהרט פון איהם, בויגט זי זיך פּאַוואלי, הינטערוויילעכץ, ביז זי בלייבט צוזאמענגעקארטשעט אויפן ברעג פעלז. זי ברעכט אוים אין אַ שטיל געוויין. פּויזע. זי וויל אויפשטעהן — ערשט איצט דאַ־פיהלט זי, אז זי איז צו איהם געבונדען)

וועה!

(דרעהט אוים דעם קאפ — דערבליקט דעם טויטען גוף — שרייט מיט עקעל)

טויט!!

(זי רייסט ארויס בליץ־שנעל דעם דאלך פֿון זיין ברוסט, האקט פֿלינק איבער איהרע אייגענע האהר און לאזט זיך לויפֿען מיט אַ דונער־געשריי.)

אַה!!!

(אָב פון וואַנען זי איז געקומען)

(די זון איז פֿאַרגאַנגען)

VIII.

(ש ל י ח לויפֿט אָן. טרעפֿט דעם טויטען דזשיאָוואַני — בייגט זיך אָן צוּ איהם — געפֿינט איהם אין אַגנעס' גאָלדענע פֿלעכטען)

ש ל י ח: (גיט זיך אַ הויב אויף דערשראָקען — לאָזט זיך לויפֿען)

פֿאַראָטען! פֿאַראָטען!

(אָב)

ו ו י עֶ ד עֶ ר־ק ו ל: (אין האַלב־טונקעל)

כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ!

(פֿארליערט זיך גאַנץ ווייט אין דער פֿינסטערניש)

כאַ! כאַ! כאַ! כאַ...!

גלגול

שפּיעל אין דריי מדרגות

ערשטע מדרגה

בעאַטריקס

דן

קראַנקען־שוועסטער

גלח

בעאַטריקס׳ מוטער

״ פֿאָטער

״ שוועסטער

״ שוואָגער

פֿרײלין לילי

ביוראָ־דירעקטאָר

״ ־בעאַמטען

פֿרוי לעבענסטאַל

רובינשטיין

בריעפֿטרעגער

פּראָפֿעסאָר

אַסיסטענט

מבקר חולים־מאַן

ווייס־ שוואַרצע געשטאַלטען

א חדר מיוחד אין שפיטאָל: — — א ווייס בעט

— — א טישעל מיט פֿערשיעדענע מעדיקאמענטען

— — אויף דער וואנד א שווארצער צלם

I.

(בעאַטריקס ליעגט אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגען, איהרע באַקען שפּיעלען אין פיעבער. ניט ווייט פון דער טיר שטעהט דער גלח אָנגעטון אין האַביט, מיט צלם און געבעט־ביכעל. איהם אַקעגען די קראַנקען־שוועסטער, אַ נאָנע אין אוניפאָרם)

גלח:

איז ניט נויטיג ודוי זאָגען?

קראַנקען־שוועסטער:

נויטיג, פּאָטער, נויטיג יאָ.
דען אויף ערדיש אויסדערלייזען
איז קיין האָפנונג מעהר ניטאָ.
דאָך...
זי האָט נאָך צלם'ס צורה אויף איהר שטערען ניט געהאַט.

ז'איז אַ קינד פון קריסטוס' שונאים.

גלח:

אָרימע נשמות...
האָט נאָך מעהרער זינד אודאי.
שטאַרבט זי, הייסט עס, אויף...?

קראַנקען־שוועסטער:

דאָס בלוט פאַרגיפט. אַ בלוט־פאַרגיפטונג, פּאָטער.
געפיהרט אַ זינדיג לעבען מיט אַ זינדיג־לייכטען מענש,
האָט גאָט די טמא זרע ביים האָבען אָבגעטויט.
איצט איז זיך נוקם זייער מזל...

גלח:

און וויל ניט ראַטעווען איהר זעלע?

קראַנקען־שוועסטער:

איך האָב געפּרוּאווט ביי טאָג, ביי נאַכט,
איהר קלאָר געמאַכט דעם אמת —

גלח:

און ניט געבראַכט צום צלם?

קראַנקען־שוועסטער:

און ניט געבראַכט...
אַ איינגעשפּאַרטע זינדערין...

גלח:

פאַרלוירענע נשמות...
און דאָך: בעט, שוועסטער, גאָט פאַר איהר.
זאָל הייליגע מאַריאַ נעמען זי אין איהר באַשוּץ.

(צלמ'ט זיך, די קראַנקען־שוועסטער טוט איהם נאָך)

דען קריסטוּס האָט באַפוילען:
אויך זינדיגע פאַרגעבען.

(מאַכט פון ווייטען אַ צלם איבער בעאַטריקס' בעט)

... פאָטער... זוהן... און הייליגען גייסט...

קראַנקען־שוועסטער: (צלמ'ט זיך)

גלח: (צו דער קראַנקען־שוועסטער)

נו, פאַרבלייבט מיט גאָט.

קראַנקען־שוועסטער: (קושט זיין האַנד)

אין קריסטוּס נאָמען, פאָטער.

(ער אָב)

.II

קראַנקענ־שוועסטער:

(קניעט אַניעדער פאַר׳ן שווארצען צלם. צלמ׳ט זיך, הויבט אָן שטיל איהר תפילה, ביז עס פאַרנעמען זיך געציילטע, קלאָר-קלינגענדיגע ווערטער)

... זיי געלויבט!
וואָס האָסט דיינע וואונדען דערטראָגען,
וואָס האָסט דיין מלוכה אָנזאָגען
געטון איבער טעלער פון טרערען —
דו וועסט אונז דערהערען, דערהערען...

זיי מוחל אַ טאָכטער פון זינדיגע מענשען,
ווען ז׳איז אויך געפאַלען און האָט דיך פאַרשטויסען!
באַשענק אונז מיט גנאָד, אַז עס זאָלען זיך בענשען
אין דיינע חסדים געבערענדע שויסען!
דערבאַרעם זיך, פאָטער! דו וועסט אונז דערהערען!

געלויבט זיי, אָ מענשליבער זוהן!
(צלמ׳ט זיך)
געלויבט זיי, אָ קעניג, אויף ערד!
(צלמ׳ט זיך)
געלויבט זיי, אָ האַר פון דער וועלט!
(צלמ׳ט זיך)
געלויבט און געפרייזט זיי, באַשיצער פון זעעלען!
(צלמ׳ט זיך)
אָמען.

צו דיר, אָ דו הייליגסטע מוטער, צו דיר
איז מיין תפילה געווענד.
דו האָסט דאָך געפונען פאַריגעלט די טיר,

ווען שענקען עס האָבען געזאָלט דיינע הענד
דעם מענשליכסטען אוצר דער זינדיגער וועלט.

אַ שטיין האָט געבעט זיך דיין געטליכער שוים —
און דו האָסט געוואונען א גאָט!
דער מענש האָט דיין ריינקייט פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט, —
און דו האָסט אין רחמים באַגליקט איהם דאָס הויז
דורך ברכות פון געטליכען זוהן...
דערהויבט זאָל ער זיין, און געפּרייזט, און געלויבט!
(צלמ'ט זיך)
דו מוטער גאָט'ס, וואָס נישט באַפלעקט,
דו ווייסט די לייד פון קינדער,
געבענשטע צווישען פרויען דו
און רחמים-פול פאַר זינדער!

אָ מוטער גאָט'ס, וואָס ביזט אין פרייד
געבענשט געווען פון גייסט,
און האָסט געוואונען גאָט דורך לייד —
דו וועסט איהר זעעלע שיקען טרייסט.

אָ, זיי געלויבט, דו מוטער גאָט'ס!
(צלמ'ט זיך)
אָ, זיי געלויבט, דו קעניגין!
(צלמ'ט זיך)
אָ, זיי געלויבט, דו בתולה, ריין,
געבענשטע צווישען פרויען!
(צלמ'ט זיך)

אמען.

III

(דן קומט אריין שטיל, בלייבט שטעהן מיט אנגעבויגענעם קאפּ ביי בעאטריקס׳ בעט)

קראַנקען־שוועסטער: (ווייטער אין תפילה)

אוּן איז דיין ווילען, אָ גאָטעס זוהן,
צו נעמען, וואס דיר קומט,
דאַן בלייבט די טרער אין אויג מיר שטעהן
און מיין געבעט פֿאַרשטוּמט.

דאַן מאך איהר לייכט די אויגען צו
און זיי איהר מוחל איהרע זינד,
ווי מוחל האסט געווען
דאס לעסטערן דעם מענשען־קינד,
און שענק אויף אייביג איהר די רוה
און לאז זי קומען פאר דיין טראָן.

דן: (שעפּטשעט)

געבענשטע דו... געבענשטע דו...

קראנקען־שוועסטער: (באמערקט איהם ניט)

געלויבט זיי, אָ געטליכער זוהן!

(צלמ׳ט זיך)

געלויבט זיי, אָ מוטער פֿון גאָט!

(צלמ׳ט זיך)

געלויבט און געפּרייזט זיי, באשיצער פֿון זעעלען
און קעניג אויף הימלען און ערד!

(צלמ׳ט זיך)

אָמען.

פֿאטער אונזער...

(בעט ווייטער שטיל)

בעַאטריקס: (האט שוין פֿריהער פאוואליע זיך געוועקט — דערזעהט דן)

מיין דן...

דן:

כ׳האב געוועקט דיך, בעאטריקס?

בעַאטריקס:

האסט געוועקט מיך. האסט געוועקט אויך מיין געמיט, —
ווערד עס פֿרעהליך ווי די שטראַהלען ביי דעם מארגענ׳ס
ערשטען ליעד

דן:

כ׳האב געשטערט דיין רוה דורך ווערטער.

בעַאטריקס:

ס׳איז דיין ווארט דעַם לעבענ׳ס שאַל, —
לאַבט זיך ביי איהם מיין נשמה
ווי די סאַרנע ביי דעם קוואַל.

דן:

בעאטריקס! אָ בעאטריקס!
דיינע אויגען זענען קוואַלען,
ס׳איז דיין ברוסט א לאַבונג מיר!

(קושט זי אויף די אויגען, נעמט זי ארום)

קראנקענ־שוועסטער:

(דערזעהט זייער האלזען זיך — ריקט זיך שנעל ארויס
אויף די קניעס, באליידיגט און צלמ׳דיג זיך)

בעַאטריקס:

פֿארקייטלען וויל איך איצט אַזוי
אַ הארץ צו הארץ, אַ זעעל׳ צו זעעל׳...

ד ן:

ווי דו ביזט בלאַס... דיין פּנים געל...

בעַאטריקס:

איך בין דאך קראנק...

איך וועל נישט לעבען, שרעקסטו זיך?

ד ן:

ניט פרעג אַזוי, ניט פרעג...

די שרעק איז ווי אַ קבר־דעק,

וואס וויל פאַרגראבען מיר דאס גליק...

בעַאטריקס:

און דאך מוז מענשענס שמאלער וועג

דערגעהן אַ ברעג...

די צייט, זי ווארט אויף אונז ביים באָרט —

און אפשר איז די צייט שוין דא?...

אפשר איז שוין איצט פארענדיגט אונזער גאלדען־פּאָדעם,

וואס באציערט אונז אונזער גליק?...

ד ן:

ניט דערמאן עס, קינד, געליעבטע...

וואלט דען נאך א וועלט געוועזען,

ווען דו, איהר שטערן, זאלסט ניט זיין?

בעַאטריקס:

און דאך... און דאך...

מיין הארץ איז פארט אַ טויב געווארען,

און די טויב — אַ מלאך'ס גייסט...

און שרעק איך זיך פאר גייסטער־וועלטען, —

איז עס נור די שווערע מורא פאר פארליערען.

דען איך וואלט דעם שעהנסטען אוצר
אויף דער ערד געלאזט...

אוצר מיינער! וועלט דו מיינע!

ד ן:

וואלט די זון מיין ערד פארלאזט,
וואלט איך, דער שאטען, דא געוויילט?
זון דו מיינע! גליק דו מיינס!

ב עַ א ט ר י ק ס:

דו מיין שאטען? ניט די זון?
ניט שטראהל אין שטראהל און קלאנג אין קלאנג,
אַ ליכטיג, אייביג גאט־געזאנג?

(זי ווערט שוואך)

ד ן:

וואס איז דיר, קינד?

ב עַ א ט ר י ק ס:

איך פיהל: די טויב — מיין הארץ — זי שוועבט ארויס
און פלאטערט ביי מיין קראַנקענ־בעט,
און, שווינדענדיג, דערהעבט זי זיך...

ד ן:

דו חלומ'סט, קינד!

ב עַ א ט ר י ק ס:

אַ חלום, יא...
ווי רופט מען מיך?
די „זי" —די צווייג, די אַגנעס־רויז,
דעם הימעל'ס טרוים — און „ווייב" אין הויז —

און מענש, און טויב, און גייסטער־בליק,
און ווי דער מלאך ליעב אין גליק -- —
איז ניט אַזוי?...

דן:

בעאַטריקס...

בעאַטריקס:

יאָ, אַ חלום:

אויף דער ערד׳ס געבענשטען גארטען, פֿון אַ גאָט פֿארפֿלאנצט,
איינגעטרוימט אין שטילע שאָטענס און מיט זון באַגלאַנצט —
צווישען שעמעוודיגע קווייטען האב איך אויפֿגעבליהט
און געטרונקען הימעלס טויען ביי די ווינטענס ליעד.
חלומ׳דיג בין איך געוואַקסען, איך, די צווייג פֿון פֿרייד,
אנגעהויכט מיט גאָט׳ס געווארצען, און מיט פּירות גרייט.

פלוצים האט אַ בייז געוויטער מיט זיין בליץ און פֿלאַם
געגומען שטורמען מיינע בלעטער, מיין צעבליהטען שטאַם —
איז אַ ציטער ווי אַ מורא, דורכגעלאָפֿען מיך,
האט אַ קלאָג־ליעד זיך צעגאסען אין מיין שטילער דיעך...
מיינע פּירות, מיינע קינדער, האבען צאָרן דערהערט
און, דערשראקען, זיך צעפֿאלען אויף דער שטומער ערד...
קינדער מיינע!... מיינע אוצרות!

דן:

בעאַטריקס, עס איז אַ חלום.

בעאַטריקס:

יאָ, אַ חלום...

פלוצים האב איך גראהע פֿליגעל אויסגעשפּאַנט דערזעהן —

ניט קיין הימעל, ניט קיין ערד איז מעהרער דאן געווען.
נור מיט ליעבע, ווייכע שטראהלען האָט אַ קלאָרע זון
מילד געשמייכעלט ווי לבנה־שיין אין טיעפּסטען ברון.
כ'האב דערפּיהלט אין לייב אַ לייכטקייט, אין דעם אטעם קראַפט,
און אַ האפנונג אין דעם הארצען, וואס דעם גלויבען שאַפט —
און די פליגעל האבען מיך געטראגען אבגעהיט...

דן: (פלוציב)

מיין קינד!

בעאַטריקס:

... אונטען איז די זון פארגאנגען ווי אַ נאכטיג ליעד.

דן: (אין שרעק)

זי איז פארגאנגען?

בעאַטריקס:

די זון?

ס'איז בין־השמשות טריב אין לופטען שוין געהאנגען —
פונקט ווי איצט... ווי איצט...
איך האב דערהויבען זיך אין וואלקענס ביז אין העכסטען הויך,
ווי אַ טויב, וואס ווערד געפאַנגען פון אַ כוואַליע רויך —
ביז גענומען בלוי צו לאַכען ס'האט דער פירמאמענט,
און איך, ווי צו'ן אַ מאַמען, האב איך אויסגעשטרעקט די הענד...

דן:

און — ?

בעאַטריקס:

עס האט געעפענט זיך דער הימעל...

דן: (אלץ מעהר אין שרעק)

און?!...

בעַאטריקס:

וואס?

זיסע קלאַנגען האב דערהערט איך און אַ געטליך ליעד—
האט מיין הארץ — די טויב — די צווייג — צום הימעל זיך
צעבליהט!

דן: (בארוהיגט)

ועסטו בליהען זונ־באַלאכטען,
הימעל־רייך און טויבען־ריין,
און מיר וועלען דאן מיט אָדלער'ס פליה דאס גליק באגריסען, —
וועט זיך אויף די שטיינער גיעסען
אונזער לעבען'ס הייסטער וויין!

בעַאטריקס:

און וועט דאס גליק דען ערדיש זיין?

דן:

פון ערד און פלייש און בלוט און ביין,
און הימעל־טוי און זונען־שיין!

בעַאטריקס:

דאס גליק, וואס דוי'רט פון פריה ביז נאכט,
וואס לעשט אין אבענד'ס שטראהלען־פראכט...

דן:

דאס גליק פון לעבען'ס קלאנג, וואס ציעהט
פון וויעג ביז טויט דאס ליעבעס־ליעד!

בעַאטריקס:

דער טויט!... דער טויט!...

א דראָזש באַפֿאַלט . . .
ליעבסטער מיין — צי לעב איך נאָך ?

ד ן : (פֿול פֿרייד)

דו און איך, מירביידע לעבען !
פֿיהלסטו ניט ? צי ווייסטו ניט ?
אט האָסטו דאָך די אָרעם מיין,
איך אטעם דאך דיין הייסען הויך.
און ווילסטו פֿיהלען מיין געבליט,
דאן פֿיהל מיין קוש׳ס צעגליהטען ווייןי !
(קושט זי)

ב ע אַ ט ר י ק ס : (פֿארטרוימט)

אזוי . . . אזוי . . .
ביז געטליך ווערען וועט דער גייסט ! . . .

ד ן :

ביז זעעלען־הויך און האַרץ־פֿאַרגעהן ! . . .
(פֿאַרקלערט)

דען וואָלסטו מעהרער ניט געוועהן . . .
(פלוצים, ווי מיט פֿרייד)

אט זעהסטו דאָס ?
(ציעהט אַ רעוואָלווער)

דאָ וואוינט דער טויט —

ב ע אַ ט ר י ק ס : (דערשראָקען)

ניין, ניין ! ניט קערפּער׳ס ט ו י ט באַגליקט.
דער גוף, וואָס זיך פֿאַראיידלען ווייסט,
וואָס האָט דער זעעלע׳ס שיין דערבליקט,
דאָס האַרץ, וואָס מלאך־מענש זיך פרייזט,

די טויב, דער זעעלע'ס שכינה־גייסט —
אַט דאָס איז אונזער טרייסט.

דזן: (שמייכעלט, ווי ער וואָלט זי ניט געהערט)
אַ קליינע קויל.
איך פיהר עס צו מיין מאַרכענ'ס שלעף,
און גיב דעם טויט אַ גלעט ביים מויל —
דאַן וויזט ער זיך אין רויטסטען בלוט!

איך ליעג דאַן ווי אַ פרינץ געשטרעקט:
אין ווייס געוואַנד מיט רויטער קרוין.
(באַמערקט ניט ווי בעאַטריקס פאַרענדערט זיך)
דערנאָך: אַ קאַסטען שוואַרץ געדעקט,
אַ קורצער גאַנג, אַ טרער צום לוין, —
און אין דעם פינסטערען געצעלט פון נאַסער ערד
נור שטויב, נור שטויב פון פרינצען ווערד...
אַט איז דער טויט — דאָס איז דער טויט:
אַ קנאַל, אַ בליץ — אַ סטענגע רויט —
און...
דו קינד!
(ער קושט זי)

בעאַטריקס: (אין פיעבער)
אך ניין, אך ניין! איך וויל ניט, ניין!
איך בין נאָך יונג — איך געה אַליין!
(וויל אַראָב פון בעט)

דזן: (אין שרעק)
בעאַטריקס!

בעאַטריקס:
איהר ווילט דעם טויט! איהר ווילט פאַרגעהן!
אַוועקט! אַוועקט! דאָס לעבען גוט!

דן: (באַרוהיגט זי)

בעאַטריקס...
איך בין ביי דיר...

בעאַטריקס: (ציטערט)

עס ווערד מיר קאַלט...

(זעהר שוואַך)

וועה...

דן: (רופט)

שוועסטער! שוועסטער!

(לויפט אָב)

IV.

בעאַטריקס: (רעדט אין פיעבער)

איך בין דאָך נאָך אַ קינד...
איך בין דאָך אַזוי יונג...
מאַמע... מאַמע ליעבע...
ניין, ניין! איך וועל ניט מעהר!...

(בעאַטריקס׳ מוטער שיעבט זיך אַריין שטייף, דעם קאָפּ נעבויגען, איין פינגער — ווי ווארנענדיג — אויפגעהויבען)

בעאַטריקס׳ מוטער:

גערענק, מיין קינד, עס איז ניט רעכט:
דו דאַרפסט נור ווינקען מיט די פלעכט,
צו בעטען זיי פאַר איהם איז שלעכט!
און ס׳איז ניט רעכט, דאָס איז ניט רעכט.

דו האָסט איהם ליעב, האָב איך געהערט,
עס האָט מיין אויג דאַביי געטרערט...

און האָסט געגלויבט איהם, וואָס ער שווערט!...
וואָס האָסטו, קינד, מיך ניט געהערט?...

אַך וועה!...
דאָך שאַ... דער טאַטע קומט!
זאָל זיין דערוויל מיין ליפ פאַרשטומט.
(לעגט דעם פינגער אויף די ליפּען, שטעלט זיך אן אַ זייט)

(בעאטריקס׳ פּאָטער קומט שבור׳לעך)

בעאטריקס׳ פּאטער:

אזוי איז דאָס?... איך האָב געהערט —
איך בין דאָך טאַטע נאָך אין שטוב!
שוין צוועלף אַ זייגער — נאָך ניטאָ?
אַז טרייבען וועל איך דיך אין גרוב!
(וואַרגט בעאַטריקס)

בעאטריקס: (קוים צום הערען)

מאַ... מינ... קאָ...
(די מוטער רייסט אוועק דעם פאַטער)

בעאטריקס׳ פּאָטער:

אויף אַלדי בייזע שוואַרצע יאָהר
וועל איך זי שלעפּען ביי די האָהר:
אַרויס פון שטוב! אין גאַס זיך וולויטשע — —
דאָך שטיל, דער איידעם קומט...
(עס קומען בעאַטריקס שוועסער און שוואָגער.
זי — שמאָל און לאַנג. ער — קליין, מיט אַ הויקער; ביידע רעדען פאַטעטיש)

בעאַטריקס׳ שוועסטער און שוואָגער:

וועה אונז! וועה אונז! אַזוי בלינד!
צו טראָגען פריי אין גאַס די זינד!...

בעַאטריקס שוועסטער:

דאָס פּנים אונז פאַרשוואַרצט...

בעַאטריקס שוואָגער:

די מאָראַל באַפלעקט...

בעַאטריקס שוועסטער:

דעם תלינ׳ס פרוי האָט דאָס דערזעהן,
און אונז די קאַרטע אָבגעשיקט!

בעַאטריקס שוואָגער:

פאַרפאַלען איז דער „האָפּ־"
וואָס קרוינען דאַרף דעם „ראַט"...

בעַאטריקס שוועסטער:

מען זאָגט, מען איז פאַרלאָבט ——

בעַאטריקס שוואָגער:

טאַקי, אַזוי ווי מיר.

בעַאטריקס שוועסטער:

...האָט חתונה — דאָן וולויטשע זיך.

בעַאטריקס שוואָגער:

טאַקי, אַזוי ווי מיר.

(ער טרעפט זיין ווייב׳ס באַליידיגטען בליק — בלייבט שטיל)

(אַלע פיער שטעלען זיך אויס מיט גדלות אין איין שורה, לעגען איין האנד אויף דער ברוסט, די אנדערע העבען זיי הויך אויף)

אַלע פיער:

פאַרשטויסען זיי, פאַרשטויסען!
מיר קענען דיך ניט מעהר!
מיר וועלען פאַר דעם דרויסען

באַהאַלטען אונזער טרער.
פֿאַרשאָלטען זיי, פֿאַר...
(זיי פֿאַרשווינדען)

בעֶאַטריקס: (אין פֿיעבער, שוואַך)

מיין היים... מיין מאַמע'ס היים...
(פֿריילײן לילי ערשיינט; אַ שול־טאַש אונטערן אָרעם)

פֿריילײן לילי:

אַך וועה! אַזוינס זאָל גאָר געשעהן?
און — דו?! וואו האָט מען דאָס געזעהן?
אַביסעל קלוגשאַפֿט — ווען מען וויל —
און וואָלסט שוין היינט דעם דאָקטאָר פֿיל.
און אפֿשר גאָר דעם דאָקטאָר מעד.
געווען געהאַט אויף דעם דעקרעט.
און פלוצים — אַזא בושה אָנצוטון — ?
הי־הי... אַ קורסיסטקע מיט אַ זוהן!
אָ ניין! דאָס געהט דאָך שוין ניט מעהר:
אַרויס פֿון שול — דאָ העלפֿט קיין טרער —
זיך אָבגעזאָגט פֿון פֿריינד־פֿאַרקער —
(שמייכעלט זיך צו)
נור איך בין טריי — איך בלייב ביי דיר —
דו וועסט דערצעהלען סודות מיר...

און דאָרטען איז דאָך אַזוי שעהן...
אַ באַל איז נעכטען שפעט געווען...
און ער... דו ווייסט... אָ — אָ!... אָ — אָ!...
דאָך איי! פֿאַרגעסען: אַפּראָפּאָ,
מיין לעקציע געהט נאָך ניט גלאַט —
איך מוז אַוועק! איך מוז אַוועק!...
(פֿאַרשווינד)

בעאַטריקס:

...קינדער־יאָהרען...

(ביורא־בעאַמטען לויפען אריין, אַרומשפרינגענדיג אַרום איהר בעט, באַריהרען זיי איהר גוף מיט זייערע לאַנגע נעגעל)

ביוראָ־בעאַמטען:

פריש אַ פלירטעל. זעה נור זעה!
ניט קיין שלעכטע קליבעם — העי!
קוּם אַ טאַנץ נור, קוּם אַ שפרונג!
זיי אַ וואוילע — אַלץ איז יונג...

ערשטער בעאַמטער:

האַ? אַ ברוסט?

צווייטער בעאַמטער:

פאַר מיר די לוסט!

דריטער בעאַמטער:

די האַנד באַטאַפּ!

אַלע:

נו כאַפּ, נו כאַפּ!

ערשטער בעאַמטער:

עס וועט שוין געהן!

צווייטער בעאַמטער:

נאָך יונג און שעהן!

דריטער בעאַמטער:

אַ בעט מיט פלייש!

ערשטער בעאַמטער:

דאָס וואָרט פאַרלייש —

בעֶאַטריקס:

ווי ענג... ווי ענג...

אַלעֶ:

אַל־האָפּ, אַל האָפּ —
פֿון פּיס ביז קאָפּ! —
האָפּ־האָפּ — האָפּ־האָפּ —

צווייטעֶר בעֶאַמטעֶר:

האַלט, דער „אַלטער" קומט.

(ביוראָ־דירעקטאָר קומט שנעל אַריין, געהט גלייך צו בעאַטריקס; אַלע מאַכען פּלאַץ)

ביוראָ דירעֶקטאָר:

איך בין שוין דאָ. נו, קום אַהער.
איז דאָס בעט געמאכט?

בעֶאַטריקס:

געמיינער!...

ביוראָ דירעֶקטאָר:

האַ?!

דריטעֶר בעֶאַמטעֶר:

זי בלאָזט פֿון זיך.

ביוראָ־דירעֶקטאָר:

זי פֿאָלגט איך ניט?

עֶרשטעֶר בעֶאַמטעֶר:

זי איז צו שטאָלץ.

ביוראָ־דירעֶקטאָר:

און פֿויל דאַצו?

צווייטער בעאַמטער: (ווי אַ סוד צום דירעקטאָר)

און וואוינט מיט אַ געליבטען...

ביוראָ־דירעקטאָר:

אַ? —

פֿאַר ניט־מאָראַל האָב איך קיין פּלאַץ!

(צו די בעאַמטען)

אין אַרבייט איז זי אויך נ'ט גאַנץ — — ?

(צו בעאַטריקס)

געעהרטעס פֿריילייַן, ס'איז מיין הויז — —

דריטער בעאַמטער:

אַרויס, האָט אונזער האַר געזאָגט, — אַרויס!

אַלע:

אַרויס! אַרויס!

בעאַטריקס: (וויל זיך אויפֿהעבען, — פֿאַלט שוואַך צוריק)

ווי שווער!... ווי שווער דער לעבענס־קאַמף...

(ביוראָ־בעאַמטען און דירעקטאָר פֿאַרשווינדען)

(פֿרוי לעבענסטאַל קומט מיט אַ בעזעם אויף די אָרעמס)

פֿרוי לעבענסטאַל:

שעהן, גאָר שעהן.

געלאָזט אַזוי דעם קאָפּ פֿאַרדרעהען...

דו, נאַריש מיידעל, וואָס דו ביזט:

ער האָט דיך ליעב? פֿאַרוואָס אומזיסט?

אַ חתונה באַדאַרפֿט צו מאַכען,

דערנאָך פֿון אַלץ זיך אויסצולאַכען!

פּראַקטיש זיין — ווי ס'איז געברויך:

ביזט אין ביוראָ?

דער הער און שעף פֿאַרלאַנגט פֿון דיר...
טאָ וואָסזשע איז? איי נאָ, איי נאָ...
אַבי געווען אַ חופּה פֿריהר —
איז דאָס פֿאַרענפֿערט אויך.

נור פּראַקטיש זיין.
אָט זעה זוי איך:
גערעדט, געשטיפט מיט צוועלף טויז —
דאָך איינעם קונציג איינגעדרעהט
און באַלד אַ חופּה אָבגעשטעלט —
איז גוט!
איצט לעב איך ערשט אַ גוטע שעה:
דען ווער דערקענט צעקלויצעט בלוט?...
געפֿעלט ניט דער, איז צוואנציג דאָ!
אַבי אַ מאַן.
און אָט מיין גליק. אדאָס איז גליק.
(האלזט דעם בעזעם)

בעאַטריקס:

אוי, די גאַס־מאָראַל...

פֿרוי לעבענסטאל:

הע־הע! הע־הע! זי לאכט? מיין גליק...
(האלט דעם בעזעם, פֿארשווינד)

(רובינשטיין קומט מיט א רחמנות־פּנים, אויף די פֿינגער אַסך בריליאנטען)

רובינשטיין:

זעה, אַ נעביכעל...
איי, איי!
רובינשטיין בין איך... פֿארציה...

דו האסט ניט, ווער זאל דינען דיר?
נו, קום צו מיר, נו, קום צו מיר...
און שעהן... און יונג...
ווילסט? — בריליאנטען! ווילסט? — געווארץ!
ווען דו זאלסט זעהן מיין אפּען הארץ...

דו גלויבסט ניט, וואס עס רעדט מיין צונג?
אט זעה, אט זעה!
האסט קיין עסען? שנעל! געשווינד!
אַ טיש אַהער!
איך האב אַ טרער,
מיין אָרים קינד.
אט האסטו אויף א ווארעמעס,
אט האסטו אויף אַ קליידעלע —
(ווארפט איהר צו בריליאנטען)
נור ניט דאנקען, מיידעלע,
איך מיין ניט דאס.
ועסט אבגעין — לויט דעם סארט און מאָס...
דו ארבייטסט ניט?
נו, מאכט ניט אויס,
דערפאר האב איך א וואַרים הויז — —
און דו ביזט יונג — און דו ביזט שעהן — —
האַ־היים...
(בויגט זיך פאוואליע צו׳ן איהר בעט)
האַ־היים...
און אָט — כאפּ־כאפּ!
(כאפּט זי ארום און קושט זי פּול תאוה)
בעאַטריקס:
... איך פאַרגעה...

רובינשטיין:

הו־הו, הו־הו — אַ בייזע שעה —

סקאַנדאַל קאָן זיין — איך בין ניטאָ!

(ער פֿארשווינד)

(בריעפֿטרעגער באוויזט זיך אין טיר מיט אַ בריעף און פֿארשווינד)

בעאַטריקס: (ציטערט פֿאר פֿרייד)

ער קומט! ער קומט...

V

(דן און די קראנקענ־שוועסטער קומען איילינ)

בעאַטריקס: (דערזעהט זיי)

מיינער דו!

דאך — ווער איז זי?

(צו דער קראנקענשוועסטער)

וואס האסטו מיר זיין הארץ גערויבט?...

(פרייוט אויפֿשטעהן — צו דן)

ביזט מיין...

(דן און קראנקענ־שוועסטער לויפֿען צו)

קראנקענ־שוועסטער: (מיט פראפֿעסיאנעלער גוטסקייט)

נאַ־נו? וואס איז?

בעאַטריקס:

ר'איז מיין...

(אַ שווערער דראוש באפֿאלט זי)

דן: (צו דער קראנקענ־שוועסטער)

שוועסטער! העלפֿט! שוין ווידער.., וועה!

קראנקענ־שוועסטער:

דא קאן קיין מענש שוין גארניט טון.

צו דער הייליגער מוטער און צו׳ן איהר זוהן
וויל איך בעטען.

דן:

ברענגט אַ דאקטאר — צום פּראָפעסאָר —
איך בלייב אַ קנעכט צו אייך — נור העלפט!

קראנקען־שוועסטער:

ווי איהר ווילט...

(אב פלעגמאטיש)

VI

דן: (געבויגען איבער בעאַטריקס בעט)

שוועסטער — קינד — נשמה מיין!
וואלט איך געקאנט דיין רופא זיין, —
איך וואלט מיט אָטעמ׳ס לעצטען הויך
באלעבט דאס בלוט אין הארצען דיין!...
שוועסטער — קינד — נשמה מיין...

(דריקט זי מיט זיין גוף ווי ער וואלט וועלען איינהויכען אין איהר זיין נשמה)

בעאַטריקס: (שעפּטשעט קוים)

מיין... מיר... אַ... ל... יין...

(ווערד אנטשלאפען)

VII

(מבקר חולים־מאַן קומט)

מבקר חולים־מאַן:

נו? וואס איז? נאך אַלץ ניט גוט?

דן:

זי שלאָפֿט...

מבקר חולים־מאַן:

זי שלאָפֿט... נו, גאַרניט שלעכט.
דער שלאָף איז פֿאַר דעם מענשענ׳ס בלוט
ווי פֿאַר דער ערד דעם ווינטער׳ס שנעע־באַדעק.
יאָ, די נאַטור איז תּמיד זיך גערעכט:
אַפֿילו אין נעבעל׳ס רוה ליגט גאָלד׳נער זונען־פֿלעק.

וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

דן:

דאָס בלוט פֿאַרגיפֿט... וואָלט נור דאָס האַרץ...

מבקר חולים־מאַן:

יאָ, דאָס האַרץ...
אַט, דאַכט זיך, איז אַ גוף מיט גליעדער קיין עין הרע,
וואָס געהען אוים אַ וועלט,
וואָס האַקען האָלץ, וואָס טראָגען אַ כּלי זין —
און אַט דאָס פּיצעל האַרץ, ווען עפּיס פֿעהלט:
איז בלוט פֿאַרגיפֿט — דאָס אויג ניט קלאָר — —
דאָס האַרץ!

און וואָס איז דען דער מוח?
אויך... אויך...
איך ווייס? מען זאָגט: דער גייסט.
אַלץ דער גייסט.
איך ווייס?

עס הייסט,

אז נאכדעם, ווי דער מענש פֿולט אן זיין גייסט
מיט חכמה און מיט הארצענס איידעלקייט,
דערגרייכט דעם מענש׳ס נשמה יענע הויך,
וואס נור מלאכים זענען זוכה,
און וואס גרעניצט מיט כביכול׳ס אייביקייט.
איך ווייס?

ד ז: (ווייזט, כמעט אומבאַוואוסט, אויף בעאַטריקס)

זי גלויבט אין דעם...
און אויב עס קאָן דורך מענשענ׳ס הארץ־פֿארלאנג
דערהעבען זיך זיין גייסט, צו וואנדלען יענעם גאנג
פֿון לויטערקייט, וואס נעטער גלייכט —
האט זי די ערשטע דאס דערגרייכט.

מבקר חולים־מאַן:

איז וואויל צו איהר...
דען וואס באדייט אין גאנצען דען דעם לעבענ׳ס וועג?
אַ אבגעפלאנט בייטאג־געיעג.
מיט פֿוילער, טויטער פֿינסטערקייט —
און ווידער אַ בייטאג־געיעג.
בין איך ניט גערעכט?
אַ גלגול, אַ גלגול נור, און שוין.
ניט מעהר: דעם עולם הבא׳ס לוין — —
איך ווייס?
ביי אונז קומט (ווער ס׳איז זוכה — אוי...)
אויף יענער וועלט צו אבות׳ס טיש —
ביי זיי —

(ווייזט אויפ׳ן צלם)

אין הימעל'ס ליכטיקייט.
נו. וואסזשע זאל דא זיין אַ שטות
צו גלויבען אויך אן איהרע רייד?
דער עיקר איז: אמונה נור.
אויף דער מדרגה אז מען שטעהט,
דאן איז דער טויט —

(דן גיט אַ ציטער)

איהר שרעקט אייך — האַ?
איז דאס דען מער ווי נור אַ בייט
פֿון ערדענ'ס קלייד אויף דמיונ'ס ווייט?
אַ גלגול. נור אַ גלגול, גלויבט
דאס אמת־אייביג־שעהנע לעבען
הויבט זיך גאר ערשט דארטען אָן...
איהר גלויבט ניט — וואס?

דן:

איך גלויב, איך גלויב.
נור וויל איך ניט, מיין ערדיש אויג זאל זעהן
מיין גליק און גלאַנץ אין רויך צעגעהן,
אַז איידער איך מיין גוף פֿארצעהר,
זאל זי, מיין טרייסט, פֿארגעהן אין שטויב. .
איך וויל זי האבען ווי זי איז:
מיט אויגענ'ס לאַך און האַרצ'ס באגער,
מיט יעדען ציטער פֿון איהר ברוסט און פֿון איהר בליק,
איך וויל זי פֿיהלען מיט איהר פֿרייד
און מיט איהר וועה פֿון ערדענ'ס גליק!
צי ווייסט איהר וואס עס הייסט: דאס קלייד
צו בייטען פֿון דעם יום־טוב'ס פֿעסט?

פֿיהלט איהר דען דעם פֿריהלינג'ס וועלקען אין די פֿרעסט
פֿון אָסיענס שלאָף און ווינטערס טויט?
צי זעהט איהר יענע שרעק, צעבלוטיגט רויט,
וואס ווייזט זיך ביי דער זונ'ס פֿארגעהן?
קאנט איהר דער ליעבסטער'ס טויט פֿארשטעהן? — — —

(שווייגען)

מבקר חולים־מאן:

נו יאָ, נו יאָ... המ־הם, המ־הם...
נאַ, עס ווערד שוין טאקי נאכט.
מען דארף שוין געהן...

(שטעהט אויף)

מען דארף שוין געהן...
איך האב נאך, ניט פֿאַר אונז גערדאכט,
אַ טוץ חולאים דורכצוגעהן.
מיר טון, ניט אויסגערעדט זאל זיין,
וואס נור מען קאן:
אַ ביסעל יויך — אַ טראפּען וויין — —
„מבקר חולים" איז אַ זאך, וואס...
נו, האט'זשעט מיר אַ גוטען.
אַ רפואה שלמה.

(בלייבט שטעהען)

איהר הערט ניט, וואס איך זאג?

(שלעפּט איהם ביים אַרבעל)

אַ רפואה שלמה.

דן: (דערוועקט פֿון מחשבות)

יאָ... איך הער...

מבקר חולים־מאן:

נו, אָמן זאגט.

דן: (קוקט איהם אן)

איהר מיינט... ?

מבקר חולים־מאן:

וואס? איהר ווייסט דאס ניט?

נו, אמן זאגט.

אַ גוטען!

(אב)

VIII

דן: (קוקט איהם נאך)

אָ...מן ...אָמן!

מיין הארץ, וואס האט צו ניטגעזעהענע געטער

נאך קיינמאל ניט קיין דאנק געשיקט,

וואלט איך צו דעם, וואס רופט זיך כביכול,

פאר אַ גאב געֶבראכט,

מיין לויב פאר איהם צום שקלאַוו געמאַכט —

וואלט ער זי נור געהיילט!...

(קניעט ביי איהר בעט)

בעאטריקס! אָ בעאטריקס!

צי ווייסטו ווי עס גאַרט מיין הארץ?

צי ווייסטו ווי עס בענקט מיין זעעל׳

נאך דיר...

מלכות רייכסטע, ווען געגוויגט צו מיינע פים

זיי וואלטען זיך, —
אויסגעוועהלט וואלט איך נור דיך.

וואלטען געטער זייערע טעכטער
אראבגעשיקט, צו לאקען מיך, —
אויסגעוועהלט וואלט איך נור דיך.

ווען נאך דער קרוין פֿון אייביקייט
געקומען וואלטען דו און איך, —
אויסדערוועהלט וואלט איך נור דיך.

חלום־וואהרע, יונגע בלום!
האפֿנונג מיינע, הייליגטום!...
(גראבט איין זיין קאפּ אין איהר ברוסט)

בעאטריקס: (וועקט זיך — גאנץ שטיל)
רופֿט מיך ווער?

דן: (שטעהט אויף)
בעאטריקס!

בעאַטריקס: (קוקט אויף איהם פֿארוויַרט)
ווער ביסטו, דו?
דער „ער", דער שטאם?
צי דזשיאָוואַני רופֿט מען דיך?

דן:
דערקענסט ניט מיך?
איך בין דאך דן — — —

בעאטריקס: (דערקענט איהם)
דו?... יאָ, דן!

אָ טרוימען־רייכער ליעבעס־גאַט...
מיין האָפנונג, זעעלע און מיין בלוט...
ווייסטו: ווען איך קוק אזוי
אין ד׳אויגען דיינע, אויף דיינע האהר,
און פליאנטער אין זכרון אויף דעם נעבעל׳ס גרוי —
דאן דאכט זיך מיר: צוריק מיט יאהר,
מיט הונדערט — טויזענד — אפשר מעהר —
און אפשר ערשט, אין בענקשאַפט׳ס טרער... —
שוין האָבען מיר געלעבט אַמאָל —
אַן אייביקייט! אַ צייט אָהן אַ צאָהל!
צו איז אַזוי? איז ניט אַזוי!

דן:

פון וועמען רעדסטו, בעאַטריקס?

בעאַטריקס:

פון גלגול׳ס שנעליקייט און רוה.

דן: (דערשראָקען)

פון גל...גול...? פון...
צי חלום׳סטו?!

בעאַטריקס: (קומט צו זיך — מיט אַ שמייכעל)

אָ, די חלומות און די שרעק...
מיר זענען מענשען — עט!

דן:

האָסט ווידער בייז געחלום׳ט?

בעאַטריקס:

אַ חלום — צי אויף וואָהר —

איך האב, מיר דאַכט, אין פלוג געזעהן
די גאַנצע קייט פון מיינע יאָהר,
וואס לעבען הייסט:
מיין שטרענגען טאַטען און מיין היים,
מיין שטילע מאַמען און איהר טרער,
און... אַך, ווי שרעקליך ס'איז געווען!...
ניין, איך געדענק ניט מעהר.

און דאָך — ווי וואָלט מיין טרויער געגאַרט,
דאָס זאָל זיך נאָך באַלעבען...

ד ן:

צי וועט דאָס גליק, געליעבטע מיין, די צוקונפט אונז ניט געבען?

ב ע א ט ר י ק ס:

די צוקונפט...
און דער איצט?...
די צוקונפט איז אַ פליגעל־הויך,
דער איצט — אַ בוים אין יונגער ערד...
און איך וואָלט דאָך אַזוי געוואָלט אויף יונגען, פעסטען גרונד
באַזעצען זיך מיט אונזער גליק,
עס האַלזען מיט דעם פרישען בלוט פון מיינע צאַרטע פינגער,
עס טוליען צו מיין הייסער ברוסט,
צערטלען מיט מיין הייסען דעך,
און פיהלען, פיהלען, אַז מיין זעעלע
טובל'ט זיך אין זיינע וואונדער!

דן:

דאָס גליק וועט קומען, בעאַטריקס,
וועט קומען זון־באַשיינט,
און מיר אין איהם פֿאַראיינט!

בעאַטריקס:

וואָלט נור ניט מיין גייסט פֿאַרטראָגען מיך
אין לעגדער פֿון אַ אנדער גליק...
דאָך ניין! ניט וויסען וויל איך מעהר
פֿון מרה שחורה, וואָס מאַכט זיך צום באַגלייטער
נור די טרער!
ווי אַ שטראַהל אין קלאָרען ים
וויל איך שמייכלען צו דער זון,
ניט קלערענדיג, צי שטורעם וועט
דאָס גליק אין מיר צעשטערען.
דורך ליעבע־זאַט דערפולטע ספערען
וויל איך זיך פליעגלען מיט דיין זעלע'ס בליק!
דיר אָן דער זייט וויל איך זיך לאָזען אין די וויטסטע,
וויטסטע לענדער,
און דאָרט שפּינען אונזער גליק,
דאָס גרויסע גליק!

דן:

בעאַטריקס! געליעבטע מיין!

בעאַטריקס:

געליעבטער מיינער! ברודער מיין!
(האַלזען זיך שטאַרק, לאַנג — בעאַטריקס בלייבט אין האַלב חלשות)

IX.

(פראָפֿעסאָר, אסיסטענט און קראנקען־שוועסטער קומען איילינג מיט מעדיקאמענטען)

פּראָפֿעסאָר: (דערבליקט דן)

האָב איך ניט אויף שטרענג באַפֿויהלען
איהר געמיט ניט אויפֿצורעגען!?

(קראנקען־שוועסטער ווינקט צו דן, ער זאָל זיך דערווייטערן)

וואָס מען ווייסט ניט — דאַרף מען פֿרעגען.
האָט מען היין געמאָסטען היינט?

קראַנקען־שוועסטער:

ביים לינקען אָרעם, זייגער פֿיער.

פּראָפֿעסאָר:

מיט פֿינף מינוט, האָב איך געזאָגט
ניט־פונקטליכקייטען האָב איך פֿיינט!

קראַנקען־שוועסטער:

מיט פֿינף מינוטען, הערר פראָפֿעסאָר.

פּראָפֿעסאָר:

און רעבאַרבאַרום — דיאַכען?

קראַנקען־שוועסטער:

צוועלף מיט אַ האַלבען גראַם און אַ מעטער מיט אַ פֿערטיל.
טאָג ווי נאַכט.

פּראָפֿעסאָר:

און נאָך אַ מילימעטער פֿריה!

קראַנקען־שוועסטער:

און נאָך אַ מילימעטער פֿריה.

ד ן:

העלפֿט, אָ הער, גענעזען זי!

פּ ר אָ פֿ ע ס אַ ר: (גערייצט)

גיבען מיר זיך וועניג מיה?
מיר טוען וואָס אין אונזער מאַכט.
אַביסעל זי צו שפּעט געבראַכט.
דאָך — מיר האָפֿען און פּראָבירען.

אַ ס י ס ט ע נ ט: (ניט זיכער)

דאָס איז אַ פֿאַל, וואָס לאָזט שטודירען...

פּ ר אָ פֿ ע ס אָ ר: (צום אַסיסטענט)

איז צו גרויס די היץ אין איהר,
מוז מען קלענער מאַכען זי.

אַ ס י ס ט ע נ ט: (קוקט אין בוך)

קאַלט אייז.

פּ ר אָ פֿ ע ס אָ ר:

גאַנץ ריכטיג.
אָבער קוים עס פֿאַלט די היץ —

אַ ס י ס ט ע נ ט: (כאַפּט אונטער)

מוז מען גרעסער מאַכען זי.

פּראָפֿעסאר:

גאַנץ ריכטיג.
דאָך —

(מיעֿזיניג)

מיט וואָס — ? מיט וואָס...?

אַסיסטענט: (זוכט אין בוך — אין פֿאַרלעגנהייט)

שוין אַ טאָג און באַלד אַ נאַכט

זוך איך נאָך און איך שטודיער —

פּראָפֿעסאָר:

און דעם סוד נאָך ניט דערטראַכט! — ?

(שמייכעלט שטאָלץ)

אַ... יענער סוד געהער נור מיר —

ס'איז מ י י ן פּאַטענט...

דאָס איז אין בוך נאָך ניט פֿאַרשריבען.

יאָ, די מעדיצין איז קונסט און וויסענשאַפֿט און חכמה.

דן: (ניט דרייסט)

כ'האָב געפּרוּאווט מיין אָטעם הויכען אין איהר שוואַכער ברוסט,

כ'האָב געוואָלט איהר מיין נשמה...

פּראָפֿעסאָר: (גראָב)

לאָזט נשמה מיט די גייסטער,

שטערט ניט אונזער אַרבייט.

שוועסטער! ליילעכער נור געבען, וויקלען זי אין הייסע טיכער — —

קראַנקען־שוועסטער:

לויט באַפֿעהל, מיין האַר פּראָפֿעסאָר.

(פֿאַרנויגט זיך טיעף)

אַסיסטענט:

איילט זיך, שוועסטעריל, וואָס גיכער.

(באַגייסטערט)

אָ, די וויסענשאַפֿט, און חכמה!...

(פֿאַרנויגט זיך טיעף און בלייבט אַזוי, ביז ער העלפֿט ביי דער איניעקציע)

דן:

הײלט זי, הײלט זי, הער פּראָפעסאָר.
איך האָב מײן אַלץ פֿאַר אײך געבראַכט...

פּראָפעסאָר:

מיר טוען װאָס אין אונזער מאַכט.
איך װעל פּראָביערען נאָך דאָס לעצטע.
האַלט אױס דאָס האַרץ — געהער זי אונז.

(מאַכט איניעקציע)

דן:

איך האָף און גלױב אָן דײן געבאָט,
דו רופֿא־גאָט!

(בלײבט טיעף פֿאַרנױגט ביז די איניעקציע איז פֿאַרבײ)

בעאַטריקס: (עפֿענט האַלב די אױגען)

װאו ביסטו...

דן: (אין גליקליכסטער פֿרײד)

נסים! נסים!! קינד!... מײן קינד...

אַסיסטענט: (דערנעהנטערט זיך צו דן — שטיל)

די רעכנונג ליעגט אין קאַנצלײ.

(די זון הױבט אָן פֿאַרגעהן. פּראָפֿעסאָר װאַשט די הענד, די קראַנקען־שװעסטער העלפֿט איהם, אַסיסטענט שטעהט טיעף פֿאַר־בױגען בײ דער טיר)

בעאַטריקס:

עס טונקעלט שױן די זון...
צי דאַכט זיך מיר?
און לײכטער פֿיהלט זיך איצט די ברוסט...
צי זאָל דאָס זײן די נאָהנטע פֿרײד?

צי אַ באַפרייען פון די לייד —
פון אייטעלקייט און לעבענס־לוסט ?...

איצט טריעפן טראָפּענס אָבענד־טוי
צו פרוכטבאַרען די מידע ערד —
און בלומען יונגע,
האַלב פאַרוועלקט און זונ־פאַרצעהרט,
איצט זויגען רוה פון טויענ'ס זאַפט...

צו האָבען, אָ, אין זיך די קראַפט
באַלעבען זיך אין יוגענד'ס טוי!
אדער אין פארגעסענהייט
דאס גליק צו שענקען הימעל'ס בלוי
מיט פול בטחון: איך פארטרוי!...

אין דעם אבענד זינקען בלומען און באַרוישען זיך מיט טויען —
און אנדרימלען...
ווער נאך שטארקט זיך, ווער — פארגעהט אין נאכטענ'ס גלגול
און דערבליקט ביי מארגענ־גרויען
גורל'ס הימלען...

ווי דער אבענד לאָגערט שטום אראב אין זיינע קרוינען...
(ווערד שוואך)
לאָ'מיך טרינקען נאך די זאפטען פון מיין ליעבען גאט...
לאָ'מיך זויגען זיינע ליפען, דען אַ טוי טוט אין זיי וואוינען
און דעם לעבענ'ס שטארקסטער וויין...

אױן שלעפֿט זײַן קראַפֿט מיך אײַן,
דאַן װיל איך טרױמען זײַן געבאַט!...

(גאָר שװאַך)

אָ דו...
אָ, לאָז מיך... קו...שען ... דײַנע ליפּען...

(דערהײבט זיך פֿון בעט, קושט לאַנג און לײדענשאַפֿטליך זײַנע ליפּען און פֿאַלט טױט צוריק)

דן: (פֿול װעה און פֿאַרצװײפֿלונג)

דאָקטאָר!!

פּראָפֿעסאָר: (גײט צו מיט געמאָסטענע שריט, באַטראַכט זי)

פֿינע לאַ קאָמעדיאַ.

(דער אַסיסטענט עפֿנט ברײט די טיר, און, טיעף געבױגען, גײט ער נאָך דעם אַרױסגײענדיגען פּראָפֿעסאָר)

X

(דן פֿאַלט גאַנץ געבראָכען, דעם קאָפּ געלעהנט בײַ בעאַטריקס טױטען קערפּער. פֿון װײַטען הערט זיך דאָס טרױעריגע „קו — קו" פֿון אַ קוקאװקע. די קראַנקענשװעסטער דעקט צו בעאַטריקס מיט אַ װײַסען טוך און קניעט אַניעדער אין אַ װינקעל צום געבעט. — אַ געל ליכט פֿאַלט אין פּלוצים דאָס שטיבעל. װײַס־שװאַרצע געשטאַלטען קומען זיך צונױף פֿון אַלע זײַטען און עקען, און קרײַזען װי שאָטענס אַרום דעם טױטען־בעט.)

קאָר פֿון װײַס־שװאַרצע געשטאַלטען:

פֿאַרלאָשען איז דער לעצטער שטראַהל,
דער אָבענד האָט זיך גרױ פֿאַרװעבט —
דער טאָג איז קורץ און געהט זײַן װעג,
און ענדען מוז, װאָס האָט געלעבט.

איצט קום, איצט קום, די יונגע בלום,
דיין האַרץ איז שטייף, דיין צונג איז שטום.
פֿארלאז די ערדענ׳ם צייט און אָרט
און שווים מיט אונז צו גלגול׳ם באָרט.

דער גלגול יאגט אויף בערג און טאל
און דרעהט זיך פֿלינק אהן מאס און צאהל, —
א יעדער דרעה איז הייליקייט
און נעהנטערט גאט איעדעסמאל.

דער צעהנטער דור איז אבגעשייד׳ט,
פֿארגעסענהייט איז ערדען־קלייד,
און אייביקייט און ליכטיקייט
דיך ווארטען דארט אין הימעל־פֿרייד.
איצט קום, איצט קום, דו יונגע בלום,
באטרעט דעם וועג צום הייליגטום,
פֿארנעם דעם שיר: ברוך הבא!
ביזט הייליג, הייליג איז די שעה!

(אלץ פֿארזינקט אין פינסטערניש.)

צווייטע מדרגה

בעאטריקס

דן

פֿריילין לילי

רויזע שטילענהיים

צוויי טויטענ־גרעבער

פֿיער מטה־טרעגער און חופּה־האלטער

לויה־באגלייטער

פרעדיגער

קאַנטאָר

משוררים

א משוגע׳נער

א קדיש־זאגער

א דאקטאר

פֿאלק, מייז, ווערעם און אנדערע שרצים

א בית־עולם — — טייל אָרימע, טייל רייכע,
מיט קרענץ באצירטע מצבות — — אין א ווינקעל
די האָלצערנע מצבה איבער דעם פֿארלאָזטען קבר
פֿון „פֿעריקטען געניום“ — — אין דער מיט, גאנץ
פֿאָרענט, דער הלל פֿון בעאטריקס קבר — — לינקס
דאַפֿון אנדערע קברים; רעכטס א לעדיגער גרוב,
וועלכען מען האלט ערשט אין גראָבען

I.

(אין בעאַטריקס קבר זענען מייז, ווערעם און אַנדערע שרצים באַשעפטיגט מיט'ן פֿאַרצעהרען פֿון איהר גוף. טייל האָבען זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אויך אין די קברים לינקס. אין לעדיגען גרוב רעכטס פֿאַרענדיגען צוויי טויטען־גרעבער דאס גראָבען)

קאָר פֿון שרצים:

טונקט זיך איין אין לעבענ'ס זאַפֿט,
נאָגט זיך איין אין בלוטיג פֿעט,
פֿלייש איז כח, ביין איז קראַפֿט,
אונזער לעבען איז די זעט.

(רייסען אראב בעאטריקס' תכריכים)

מייז:

גריזשע, גריזשע, ביז די ביינער!

אַלע:

בראָם־בראָם, בראָם־בראָם, בראָם.

ווערעם:

וואַלגערט זיך אין מח און ציינער!

אַלע:

אַה... אַה... טשיפ, ציפ, זיפ.

שרצים:

שלינגט און טרינקט, וואָס איז נור יונג!

אַלע:

בליעפ־בליעפ, בליעפ־בליעפ־בליעפ.

מייז:

אויגען, הערציל און די צונג!

אַלע:

כליאַפּ־כליאַפּ, כליאַפּ־כליאַפּ, כליעפּ.

װערעם:

מאַרך, דריזען און די לונג!

אַלע:

כליאַפּ, כליאַפּ, כליעפּ.

קאָר:

טונקט זיך איין אין לעבענ'ס זאַפּט,
נאָגט זיך איין אין בלוטיג פעט,
פלייש איז כח, ביין איז קראַפט,
אונזער לעבען איז די זעט.

(כלייבען ליעגען פויל, אָנגעפרעסען)

ביידע גרעבער:

אוי...

(גלייבען זיך אים די ביינער)

ערשטער גרעבער:

איז דיר אויבעט שווער?

צווייטער גרעבער:

דו זעהסט? דאָס איז אַ טרער.

ערשטער גרעבער:

דאָס איז דאָך שוויים.

צווייטער גרעבער:

נו — יאָ, דער שוויים. איז ער דען ווי אַ טרער ניט הייס?
ניט מעהר:

די טרער איז פֿון דעם האַרצענס־זועה, און שוויים איז גליעדער׳ס טרער.
אַך, צו גראָבען מיט די נעגעל ערד!... נור זאַמד און שטיין און ערד!

וואָס האָט דאָס פּאַר אַ ווערט?
ווען גאָלד מיר וואַקסען פֿון דעם גרוב?

ערשטער גרעבער:

דאָך ליעגט אין פֿרומען גרעבער׳ם מיה
די רוה פֿון ברויט און פֿון אַ שטוב.

צווייטער גרעבער:

האַ, אויך מיר ברויט!...
שוואַרץ און ביטער ווי דער טויט.
צי האָסטו אויך אַ גאָלדען בעט?
ביי רייכע, אויף מיין וואָרט — איך וועט! —
דאָרט עסט מען זיידען איינגעמאַכטס,
מ׳וואוינט אין גרויסע פּערעל,
און שלאָפֿט אויף דימענטען און גאָלד.
נו, וואָלט איך וויסען נור געוואָלט,
צי דאַרפֿען זיי אויך, פּונקט ווי מיר,
דאָס זוכען אין די זאַמדען פֿריהר.
קיין שפור!
מ׳שפּרייט אַ ליילעך אויס פֿון געלד,
דאָס מויל זיך עפֿענט ווי אַ פּאַס
און זילבער פֿון דער גאַנצער וועלט
זיי פֿאַלט אַריין אין האַלז, אַז...

ערשטער גרעבער:

נו, איז דאָס מזל זיי באַשערט:

דער עסט באזאלצען, דער באַטרערט.
עס איז אַ גאָטס־זאַך.

צווייטער גרעבער:

וואָס פאַר מזל, וואָס פאַר גאָט־זאַך? לאַך!
עס איז ווי צופאַל האָט געמאַכט.
באַטראַכט:
לעגסט אַריין אַ דאַרען שאַרבען,
האָט דער וואורם אַ קרענק צו אַרבען!
אָבער זאָל אַ פעטער שטאַרבען —

ערשטער גרעבער: (שמייכעלט)

אָך, איז דאָ שוין וואָס צו גאַרבען...

צווייטער גרעבער:

זעהסטו!
זאָל מען אָבער זיי פאַרבייטען:
כ׳מיין, דעם מאָגערען פאַרפעטען,
און דעם דיקען שטאָפען
נור מיט הונגער און מיט דורשט, —
ועסטו זעהן ווי די מזלות
וועלען באלד אין גרוב זיך בייטען:
וועלען דאן די ווערעם קריכען
ארום דעם אויסגעביטען מזל...

ערשטער גרעבער:

ביזט נערעכט, מיר דאכט...

צווייטער גרעבער:

זעהסטו שוין.
עס איז ווי צופאל האט געבראכט

אדער נעם למשל דארט דאָס קבר
מיט דער האלצערנער מצבה
פֿון „פֿעריקטען פֿילאָזאָף,
אריה צבי בן מלאך טוב:"
דער זיידע פֿלעג אמאל דערצעהלען —
ס'איז שוין לאנג, נאך פֿאר דעם זיידענ'ס זיידע
אז ס'איז געווען אמאל אין שטעדטיל
אַ בן תורה, ווּפֿראָסט אַ גאון —
ממש פֿון דער שעהנסטער פֿאָחן!
נור, אן אומגליק דארף פאסירען,
נעמט ער זיך אין זוהר פֿארלירען,
קריכט אויף עולמות און דמיון —
ביז אין קליפה'ס טיפֿען היכל
ווערד פֿארדרעהט איהם גאנץ דער שכל,
און ער רעדט זיך איין ניט מעהרער:
ער מוז ווערען וועלטענ'ס לעהרער
און באווייזען, אז דער גוף קאן זיין נשמה,
ווען דער מענש וויל זיך באמיהען
צו באהעפֿטען זיך אין ליעבע
און זיך שיידען פֿון נקמה;
דעמאלט ווערד דער גוף פֿארשוואונדען,
און נשמה נעמט זיך בליהען,
ביז אין גאטהייט'ס ליכט געצונדען,
וועט ער, גלייך ווי די מלאכים,
נעמען זיך אין שטראהלען פֿליהען...
הערסט א'ן איינפֿאל?
הערט ער אויף זיין גוף צו קאָרמען,

און דערפֿאר: וואס מעהר צו דענקען,
מעהר צו זיפֿצען, מעהר צו בענקען —
רעד איהם אויס, אז יענער הערט ניט! —
ביז זיין גוף האט זיך „פֿארשטראהלט"...

גאר אַ גוטעשקער געוועזען,
קרום קיין פֿליג נישט אנגעקוקט,
נור אַ נאַר מסתמא,
צי גלאט געווען משוגע.
זיך אין ספֿרים אנגעלעזען,
צו די בלומען זיך געבוקט,
ביז ער האט אליין געשריבען
גאנצע ימים־טיפֿע ביכער,
וואס פֿארגעלען היינט אין שורות
די פֿארשטויבטע אלמערס.
נו?
צי איז פֿון איהם דען מעהר פֿארבליבען?
זיכער שוין קיין סלעד גיטא.
אפֿשר נאך אַ זשמעניע שטויבען,
אדער פונקט אַ אָטעם רויך
פֿון פֿעריקטען־הארטען מח.
ווער געדענקט איהם? ווער וועט פֿרעגען
אויף זיין גאנג, אויף זיינע וועגען?
אָט, ווי אלע פֿוילע בלומען:
אבגעבליהט און אומגעקומען.

ערשטער גרעבער: (גאנץ פֿארקלערט, אויף דעם איינזאמען קבר ווייזענדיג)
מען זאגט, אז דארט, ווען חצות זיך טיילט,

באוויזט אַ פּלאַם זיך הימעל־בלוי,
וואָס שמעקט ווי מן און גלאַנצט ווי טוי,
און יעדעס האַרץ, וואָס טרינקט זיין קוואַל ביי מאָרגען־גרוי,
ווערד באַלד געהיילט.
נו, דאָס איז דאָך פּאַרט קיין פּראָסטע זאַך,
וואָס טוסט דאַרויף מיט דער האַנד אַ מאַך...
הם... אַ פּייער פּונקט אין האַלבער נאַכט,
דאָס האַלט אַ סוד אין זיך פאַרמאַכט.
מען טאָר ניט וועגען איהם אַזוי...
(מאַכט אומבאַהאַלפען מיט די פינגער)

צווייטער גרעבער:

נו יאָ... איך קאָן נור מיינס דיר זאָגען:
אַלעס אויף דער גרויסער וועלט
העננגט אָב פון: אַרבייט, געלד און מאָגען.
ווייניג אַרבייט — אוצרות געלד, —
איז דער מאָגען הייס געשטעלט!

ערשטער גרעבער:

און פאַרקערט.

צווייטער גרעבער:

און פאַרקערט! ריכטיג, ריכטיג דאָס דערקלערט:
אַסך געאַרבייט — ווייניג געלד, —
לויפט אין מאָגען דורך אַ קעלט.

ערשטער גרעבער:

ס'איז דער סדר פון דער וועלט.

צווייטער גרעבער:

ווער קאָן וויסען — ?

ט׳האָסטו דאָרט דעם וואורם אין קבר:
ווי לעבצט אין איהם שוין יעדעם אבר,
ווייל ער שפירט, אַז עפּיס קומט.
ווייסט ער אָבער: — פּעט, צי ביינער?
(צום וואורם)
ליג דאָרט, ליג דאָרט! עס איז איינער,
וואָס קיין „דאָס״ איז און קיין „יענס״.
האָט אמאל געגעסען גענז, —
האָט א קרענק איהם אבגעצעהרט.
מ׳קאָן ניט זאָגען — עפּיס ווערט:
פרישע אויגען, יונגע ביינער —
ווי געזאָגט: עס איז גראָד איינער,
וואָס עס געהט נאָך האַלבוועגס מיט.
קיין „פּעט מת״ אָבער איז עס ניט.
(צעלאַכט זיך)

ערשטער גרעבער: (ויפצט)

ס׳איז אויך אַ מזל...

צווייטער גרעבער:

אויך אַ צופאַל, ווילסטו זאָגען,
פאַר דעם וואורמ׳ס מאָגען.

ערשטער גרעבער:

אוי, דער מאָגען!...

צווייטער גרעבער:

נו יאָ, דער מאָגען.
און דאָ? אַרבייט ביז צום שוויים,

אַרבייט אָהן אַ'ן עק, —
וועסטו דעם הערינג טון אַ לעק. טפוי!

(באַשפּייט די הענד — ביידע גראָבען ווייטער)

מ י י ז:

אוי, ס'איז פול...

ש ר צ י ם:

קוים אַ טרינק...

וו ע ר ע ם:

ס'איז באַגרעניצט אונזער שלינג...

מ י י ז:

אוי...

ש ר צ י ם:

אוי...

וו ע ר ע ם:

טראַ—לאַ—לאַ

אַ ל ע:

טראַ—לאַ, טראַ—לאַ, טראַ—לאַ—לאַ.

(קריכען אָב פויל)

II.

ב ע אַ ט ר י ק ס:

... אויסגעטיילט אַ מאָהלצייט זיי...
ווי דאָס גליק קאָן זיין פאַרשידען:
די לאַסט פון לייב, וואָס לאָזט מיין גייסט ניט ווערען פריי,
מאַכט די הונגעריגע ווערעם

אָנגעזעטיגט און צופרידען...
פיהלט זיך לייכטער מיין נשמה
און טראָגט אַ דאַנק אייך, קליינע פריינד.

פרעמדע, אומבאַקאַנטע ברואים
האָבען מיך באַשעפטיגט היינט.
און די אייגענע?
פאַרגעסען...
בין איך דאָך נעכטען ערשט געזעסען
אין דער מיט פון זייערע שפילען —
זיי׳רע טריפענדיגע וואונדען
אויסגעהיילט מיט מיינם אַ שמייכעל,
זייער אומעט אין דעם האַרצען אָנגעצונדען
ביי דעם גלאַנץ פון מיינע אויגען, —
היינט איז לעבען׳ס שווערער שבל
זייער אויג־אַפעל און מח
אָנגעפאַלען און פאַרסמ׳ט זיי דעם זכרון...

ווי אַ חלום זענען יאָהרען...
ווי אַ בליץ, וואָס קומט געצויגען...

שוין פאַרגעסען...
אפשר טוט אַ פריינד, וואָס ווייסט ניט, ווענס נאָך אויף מיר פרעגען...
און אפשר שטערט מיין שטיין שוין ווען ווען אויסצומעסטען גלייבע וועגען...

ס׳האָט געווים מיין פלעצליך שיידען זיי פאַרשטערט די פריידענס־שעה׳ען —

ווי דער נאָדעלס שפּיציג שטעכען שרעקט מיט טויט
דעם מוח...

צו האָבען דאָך פּאַר צער דעם כח
צו באַהעפּטען ערד מיט הימלען, אָדער שטויסען אָן
שגעון — —

נייז, דאָס לאָזט ניט לעבענ׳ס צאָהן...

שוין פּאַרגעסען...
זיי! — און — ער...?
ער, וואָס האָט געטרונקען נעקטאַר
פון מיין האַרץ און מיין נשמה — —
קאָן דען ליעבען אַזוי מענשליך,
ווער ניט אייביג געטליך בענקט?

בענק איך דאָך אַזוי אָהן ענדען...
גרייכט דאָך מיין נשמה׳ס יאוש
ביז אין הויכקייט פון די הימלען און ביז טיפקייט פון
די גרונדען...
ווען אין פינסטערניש, פאַראייניזאַמט, פרעג איך אָן ביי
מיינע שכנים —
ווערען גרעסער מיינע וואונדען...
דען קיין „אוי" און ניט קיין „וועה" איז דאָ ביי זיי פאַר
פרעמדע זאָרג, —
בלייבען מיר נור פוסטע שאַרבענס אויף אַ גאַנצען מאָרג...

ווענס נור שפּילט זיך דורך אַ שפּאַרע
אַ קראַנקער שטראַהל מיט בלאַסקייט — קוים צו זעהען,
אַ דומפּיג בת־קול קומט אַמאָל צוגעהען,

פלוצים, נים דערצעהלענדיג זיין פּעלזען'ס יחוס,
ווי אַ טריפּענדינער טראָפּען פון דעם ריינעם הימעל —
לויפט עס דורך דאָן אַלע ווינקלען,
בעט זיך ביי דעם גרוב צו פרייהייט, —
ביז עס צאַנקט אין שטילען דרימעל
אָהן אַ ליכט און אָהן אַ קלאַנג...
אָך, וואָלט ער כאָטש אַזוי לאַנג
פאַרווײלט ביי מיר ווי דער געדאַנק!...

נים איינמאָל אין דער מיטעלנאַכט,
איך עפען אויף די שוואַרצע טיר,
וואָס איז פאַר אַלץ, וואָס לעבט, פאַרמאַכט,
נור אָפען פאַר דעם וואונש, וואָס וואוינט אין מיר —
איך וואַנדער דורך אויף לעכצענ'ס פליה
דעם ווייטסטען וועג און שמאָלסטען שטעג,
איך לויף אַראָב צו יענעם טאָל,
וואו אונזער זעעלע זיך אַנטפלעקען פלעגט,
דאָרט, וואו געבלאָנדזשעט ס'האָט אַמאָל
פון אָבענד שפעט ביז מאָרגען פריה
געהיים מיין שאָטענ'ס טריט — —
איך טו די וועגען אויף איהם פרעגען, —
אַלעס, אַלעם קומט אַקעגען, —
איהם נור זעה איך ניט...

זאָל ער האָבען שוין פאַרגעסען?...

וויפיעל מאָל איך בין געזעסען
נאָהנט מיט די אויגען ביי זיין שויב — —

כ'האָב געבלאָנקעט ביי זיין פענסטער, זיין געלענער
צו באַלוישען —
ס'איז זיין בעט געשטאַנען שוואַרץ באַדעקט,
שטום אין ריינקייט, אומבאַפלעקט,
און אויף איהם אַ ווייסע טויב — — —
איז געווען דאָס מיין נשמה?
צי זיין טרויער נאָך מיין טויט?...
כ'האָב געוואַרט נאָך ביז צום רוישען
פון דעם מאָרגען'ס לייכטען שריט
אין דעם זונען'ס פלאַמען־רויט —
איהם געזעהן דאָך האָב איך ניט...

זאָל ער האָבען מיך פאַרגעסען?...

III

(ד ן. אין שוואַרצען, קומט פול טרויער, קניעט אַניעדער ביי בעאטריקס מצבה, קושט די ערד)

ד ן:

זעטינט מיר די אויגען, איהר היילינ־שטילע שטויבען,
טרינקט אָן דעם אָטעם מיר מיט קוואַלען־זאַטער פרישקייט,
איך זאָל די ריינקייט פון דעם משכן אין אייך לויבען!
עס ליעגט דאָך טיעף אין אייך פאַרבאָרגען
מיין געפרייזט־באַגליקטער הייגט,
און מיין רויזינ־שוואַרצער מאָרגען
פון איי'רע אויגען צו מיר שיינט...
האָט דאָך אייער ברוסט פאַרשלונגען
מיינע ריינסטע, אויסדערוועהלטסטע פריידען און מינוטען,

האָט דאָך טיף אין אייך פֿאַרקלונגען
דאָס יונגסטע ליעד פֿון מיינע בלוטען
און אייך מיט וועה געזעטיגט, ווי געזעטיגט רויט
עס ווערד דער מוטער׳ס אויג ביי קינדער׳ס טויט...
זאָלט איהר איצט מיין האָפֿנונג זיין און מיר אַ טרייסט
באַשערען —

ווי עס ווערען קינדער׳ס טרערען
אין דער זון בריליאַנטען־שטערען.

זאָל פֿרידען זיין אין אייך געבוירען!

וואָלט איהר וועלען מיך דערהערען,
ווען איך קניע אויף אייך אין בעטען:
עפֿענט אויף די שטומע טוי׳רען,
זאָל מיין ליעבסטע זיי באַטרעטען...

עפֿענט אויף די שטומע טוי׳רען!

טאָג און נאַכט האָב איך געבלאָנקעט ווייט ארום די
שטיינער־מוי׳רען
צו געפֿינען אויסגעטראָטען איהר׳ס אַ וועג —
דאָך פֿאַרוואַקסען יעדען שטעג
האָט אָנגעטראָפֿען מיין פֿאַרגליווערט־בלייכער שאטען...

ווען די גראָזען געהען טבילה,
און דער ווינד מיט מאָרגען־טרערען
זינגט א שירה נאָך א שטילע
צו דעם איינציג־בלאַסען שטערען,
דעמאָלט קוק איך צו׳ן איהר קבר.

טרייבט דער וועכטער מיך אין צאָרען,
דריק איך האַרט דעם הייסען שטערען
צו דער דיקער, פייכטער מויער: —
אפשר וועט זי פאָרט מיך הערען
און זיך ווייזען פאַר מיין טרויער...

אין מיטערנאַכט, ווען שמירה טוט זיך בייטען,
דעמאָלט רייס איך מיינע אויגען
אויס די היילען און באַפעהל זיי: געהט געפלויגען
מיט דעם בליץ נאָך יעדער שיין און יעדען שאָטען,——
גאָט באַגעגענט און דעם שטן
האָב איך שוין אויף פעלדער'ס ברייטען,
נור ניט זי, אָך, נור ניט זי...

טרעפט: אין חלום, צי אין זכרון,
אפשר גאָר אין מיין נשמה,
זעה איך נעבעלדיג זי שוועבען —
וויל איך רופען זי צום לעבען, —
בלייבט א לערקייט אין מיין האַלז...

איז באַפוילען אייך צו שווייגען, שטומע זאַמדען,
עפענט אויף דאן אייער האַרץ פאַר מיין באַגערען, —
זאָל זי קומען ווי א מלאך, ווי אַ גייסט צי ווי א שאָטען,
ווי א נעבעל, א מחשבה, ווי דער בלויזער זיפץ
פון לעבען —
נור א צייכען זאָל זי געבען!...

בעאַטריקס! אָ בעאַטריקס! איך ברענג צו דיר דאָס
וואָרט פון ליעבע: —

פֿאַר זיין קלאַנג זיי מקריב דו דעם הימעל'ס רוה —
און באַפֿריי מיין האַרץ פֿון קוואַהלען!
טראָגסטו וועהען, וועל איך העלפֿען דיר זיי טיילען.
רוהסט אין גליק דו, וועל איך פֿרעהען זיך בעאיילען, —
אָ, זאָל נור פֿון דיין מילדען אויג דער שמייכעל ווידער
שטראַהלען...

באַווייז זיך אויף דער שוועל, וואָס שיידט אונז,
אָדער היים זי מיר באַטרעטען —
וועל איך זינקען אין הכנעה, און וועל וויינען, און וועל
בעטען:

הערשער דו, סיי ווי דיין נאָמען,
אין די ימים אָדער פֿלאַמען —
שענק אונז לעבענ'ס אייבּיג בליהען אָדער טויט'ס
פֿאַרסמ'טען זאמען, —

נור צוזאַמען — — נור צוזאַמען!
בעאַטריקס!!

(פּויזע)

ווי שטום אַרום עס איז דער תחום...
אפשר איז זי נאַרניט דאַ?
אפשר איז עס ניט דער פּלאַץ?...

(צעוויינט זיך, פֿאַלט מיט'ן פּנים צו דער ערד
און פֿאַרזינקט דעם קאָפּ אין קברים שטויבּען)

עֶרשטֶער גרעֶבעֶר: (ווייזט אַן אויף ד׳)

אַזוי קומט ער יעדען אָבענד, יעדען מאָרגען,
און באַקלאָגט איהר פֿרישען קבר.

צווייטער גרעבער:

קלאנט פֿאר איהר דעם הארצענ'ס זארגען...

(לאכט)

מיינט נאך אפֿשר, זי וועט הערען

און וועט איהם ליעבע שווערען — ?

(איבערשרייענדיג צו דן)

נאריש מענשען־קעפּיל איינער,

ס'האט דיין מיה קיין ווערט!

און וואלט זי דיר געשוואוירען, —

וואלט עס אויך געבליבען פֿרעמד דיינ' אויערען.

עס שייד'ט אייך אב א בערגיל ערד — דאס טויבע בערגיל ערד!

ווען זאלסט זעהען איצט איהרע ביינער,

כאטש א'ן איין־און־איינציג אבר,

ווי צעפֿוילט ס'איז און צעפֿרעסען,

וואלסטו באלד אן איהר פֿארגעסען!

ערשטער גרעבער:

ר'האט געליעבט זי...

צווייטער גרעבער:

האט ער אבער זי באגראבען.

ערשטער גרעבער:

יא, דאס הארץ דאך וויל ניט וויסען...

צווייטער גריעבער:

הע! געקלאנט ווי טויזענד ראבען,

קריעה נאך איהר טיף געריסען, —

וואס'זשע וויל ער נאך, דער נאר?

דאס לעבען געין דערפאר?!
וויפיעל מיידען ווי די דעמבעס שטעהען פערטיג נור צום פליקען:
און וויפיעל שטרעקען זיך צו פיס, מען זאל זיי נור דערבליקען — ?
זאל ער זאגען, טון אַ שמייבעל — איינע צו באזיצען, — וועלען קומען גאנצע טוצען!
האַ, דעם הארצענ'ס ליעבעס־מקח קען איך דוקא גארניט שלעכט.

ערשטער גרעבער:

צוריק געשמועסט, ביסטו גערעכט.
דאך מיר מוזען זיך בעאיילען. האסט צעשניטען שוין דאס ברעט.
ליעגען דריי נאך צום באַגראבען; מאך זיך פערטיג, ס'איז שוין שפעט.

(ארבייטען ווייטער)

דן:

בעאטריקס... מיין בעאטריקס...

בעאַטריקס:

זאל ער האבען שוין פארגעסען?...

צווייטער גרעבער: (ארבייטענדיג)

האַ, א נייער גאסט.

IV

(פריילײן לילי קומט מיט א גרינלען קראנץ, וועלכען זי לעגט אויף בעאטריקס קבר)

ערשטער גרעבער:

אַ קראנץ האט זי געבראכט.

צווייטער גרעבער:

געל און אויסגעבלאסט
ווי איהר פּנים'ס פּראכט.
הא! אויף א חתונה, אַ באל,
פאר א שעהנעם קאמעדיאנט —
אלץ נור בלומען און נור קרענץ.
הונטיש־אויסגעקראכענע שווענץ!
איז בילינער די בלומענ'ס טויט
ווי ס'איז ביי אייך דער טויט פון אייער קינד, —
ווייל דער איז געל און יענער רויט?
נאַראָנים־וויץ אויף קבר־הויט...
ניט בעסער וואלט געווען, ווען פאר דעם געלד
זי וואלט אַ הארבע משקה אונז געשטעלט?
אז אַ פייער־בראנד!...

(ארבייט ווייטער)

דין: (האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און דערזעהן פריילין לילי)
אַ קראנץ געבראכט... פאר וועמען דען?

לילי:

דעם הייליגען געדעכעניש
פון אונזער פריד־געזאלבטער בעאטריקס.
איהר וואונדערט זיך?

דין:

צי איז זי דא?
ווייסט איהר באשטימט, אז זי איז דא?

לילי:

ווי הייסט „באשטימט"? איהר קבר דאך —
דער ווייסער שטיין, די שווארצע שריפט...

דן:

יאָ. געשטעלט איז דא אַ שטיין,
און אויף איהם האט מען אויסגעהאקט:
„דא רוהט אין פריד אַ יונג געביין"...
אַזוי פאַרזיכערט האבען אויך
די קברים־גרעבער און שמשים.
אדא האט אין אַ בייז געיעג אַ מענשענ־זוהן
זיין חבר'ס רעשט פון געטליך „זיין" א ווארף געטון, ———
צעכליפעט זיך אין פאַלשער פיין, —
און לאַקענ־זייד און גליעדער ריין.
אַ זונענ־קינד פון געטער־שטאם,
אראבגעלאזט אין אבגרונד טיף
ווי פוילען ווארשט אין כוואליע'ס ים,
ווען צופיעל לאסט עס טראגט די שיף.

לילי: (מיט א פארוואורף)

איהר זייט דאך ניט דאביי געווען.

דן:

צי האב איך דען געזאלט נאך זעהן
דאס טייערסטע פון לעבענ־לאנג,
דעם הארצענ'ס טרייסט און זעלע'ס קלאנג
אוועקגעשלעפט פון אייגען הויז,
געשליידערט אין אַ נאסען גרוב
גלייך מיט דער אבגעסמ'טער מויז?...

ווי א שוואלב ארום דער נעסט, וואס ווערד צעשטערט,
האב איך געבלאנקעט שטום און שטאר און אויג־פאַרטרערט
ארום דער מויער, און געווארט אויף וואונדער אליין,

אויף א נס, וואס זאל צוזאמענציהען מיר דעם האלז
מיט פרייד־געשריי: זי לעבט! זי לעבט!

מיט ערדענ־טרויער און ווערטער שוואַרץ
האט שפעטער מיר צעזעצט דאס האַרץ
אַ גוטער־פריינד: עס איז געשעהן...

אזוי בין איך אי דא געווען,
אי ניט געוואוסט און ניט געזעהן
וואו פארשוואונדען ז'איז פון מיר...
איצט זאל איך גלויבען, וואס דערצעהלט עס ווערד
פון איהר?
ווייסט איהר אויף באשטימט, אַז זי איז דא...?

ל י ל י:

איהר רעדט פון וועג. מיר דאכט זיך, היינט.
איך בין אַליין דאביי געווען.
און האב געזיפצט, און האב געוויינט...

ד ן:

איך גלויב, איך גלויב.
אז זעהען קאנט איהר מענשענ־בלוט
ווי הויכע וואלקענ'ס אבענד־רויט,
אז קוקען קאנט איהר אויף דעם טויט
ווי אויף א שטערען, וואס פארגעהט מיט אייער מזל, —
דאס ווייס איך גוט.
ווי שווער דאך איז צומאָל דעם שכל'ס חכמה צו
דערגעהן...
דען — וואלט איהר האַרץ אדא געווען,

אַ אבר נור, אַ נאגעל נור פֿון פֿינגער׳ס שפּיץ, —
געגראָבען וואלט ער אזוי לאנג,
געפּיינינגט זיך אויף שנעלקייט׳ס בלייך,
ביז דורכגעזעצט ער וואלט די דעק
און וואלט מיין צער און נויט־געשריי געשטילט דורך
פֿריידען־שרעק.

לילי:

איהר זייט משוגע, ווי איך זעה.

דן:

דארף קלאָרקייט נאָך דער ליעבעס־וועה? ...

לילי:

איהר נשמה איז אין הימעל — מאכט איהר גוף ניט טמא!

דן:

ניט קיין גוף און ניט נשמה —
לעדיג איז די צייט און ארט...
דען, וואָלט איהר גוף פֿארהאנדען זיין,
דערציטערט וואָלט ער ביי מיין וואָרט
און זיך געגויגט אין ליעבעס־פֿלאַם
צו מיינע ברוסטען׳ס שווערען ים,
און זיך געטוליעט ווי א טויב,
ווי צו׳ן א פֿעלז לבנה־שיין!
איז תמיד דאָך אזוי געווען...
דאס מענשליכסטע וואָלט דעמאָלט איהר דערזעהן,
און איהר וואָלט דאָך געגלויבט פֿאַר נסים שטעהן!...
אָ ניין, קיין גוף איז מעהר ניטאָ...
און וואָלט איהר זעלע וואו געווען, —

אַראָבגעשוועבט ווי אָדלערס צעהן
וואָלט זי צו מיר, צום הארצענ׳ס וועה, און זיך מיט
איהם באַהעפֿט!
צי קענט איהר גופים, וואָס זיך ליעבען?
קענט איהר זעעלען, וואָס פֿאַרטריבען
און פֿאַרפֿערלען ווי אַ טרער?
ניין, קיין גוף און קיין נשמה איז פֿון איהר ניט מעהר...
כילי:
לעסטערער! איהר לעסטערער!
נאָך ווייניג, וואָס איהר מיידעל־בעט איהר האָט געשענד,
איצט ווילט איהר נאָך מטמא זיין מיט מויל און הענד
איהר זינדיגע נשמה — ?!
מערדער, שענדער, וואָס איהר זענט!
אַז הבל׳ס בלוט אויף אייער קאָפּ, איהר קין!
(זי געהט שנעל אָב. פויזע)

V.

דן:
איז דאָס דעם מענשענ׳ס לעצטע וואָרט
אויף אַל׳ מיין גלויבען און מיין האָפֿען און מיין ליעבע
און מיין בענקען?
איז אַ זינד געוועזן, וואָס כ׳האָב פֿאַר הימעל׳ס
בליק־פֿאַרשענקען,
אויסגעוועהלט מיר איינע פֿון די ריינסטע, פֿרומסטע
בלומען, —
זי געקושט, און פֿון דעם האַרץ דעם נעקטאַר איהר
גענומען?

און איז אַ זינד, ווען מיט די הייסטע פֿונקען
פֿון איהר אויג האָט זי איהר ליעבסטען אָנגעטרונקען?...
קאָן דאָס העכסטע אין נשמה מאָרד אין זיך
פֿאַרהילען?
דאַן איז געווען מיין פֿליה דער פֿאַל, וואָס טראָגט אין
זיך פֿאַרדאַרבען,
און אונזער שיף, צו גאָט געלענקט, געפיהרט האָט
זינדענ׳ס שאַרבען?...
גאָט! ווער וואַנדעלט דורך דעם וועג, וואָס קרייצט זיין
האַרצ׳ס געפֿיהלען,
און קאָן זיך צדיק רופֿען?...

(פֿאַלט בליפענדיג אויפֿ׳ן קבר)

(פֿון ווייטען הערען זיך טרויער־געזאַנגען פֿון אַ לויה)

ערשטער גרעבער:
זיי קומען שוין — מאַך פֿערטיג.

צווייטער גרעבער:
ווייניגער אַ צאָל די טיף, צו ווייניגער אַ צאָל די ברייט, —
וואָס ס׳ענדיגט ניט אַ מענשענ־האַנד, דערענדיגט שוין
די צייט.
אַ בתולה, כשר ווי אַ נוס, ווען ז׳האָט די גרינע פעל,
וועט סיי ווי זיין איהר לייכט די ערד, דאָס קבר
גרוים און העל.
איך בין פֿאַרטיג.

ערשטער גרעבער:
נאָך אַ ברעטיל לעג אַריין.

צווייטער גרעבער:
גענוג, איהר צניעות וועט דער דנאָי שוין זיין.

ערשטער גרעבער: (וויפּצט)

און אַט אַזוי פּיהרט ליעבע צו דעם טויט...

צווייטער גרעבער:

נו, האָט זי ניט געזאָלט באַגערען צו אַ טעלער אַרבעס,
ווען איהר קומט נור קלייען־ברויט.
אַ אָרים מיידעל, — נעם אַ שניידער־יונג.
פאַרגליסט זיך איהר אַ דאָקטאָר! נו — אַ האַרץ זיך טליהעט ווי אַ פונק:
ווען ניט אוים ליעבע, ווערד עס אָנגעצונדען פאַר באַגערען, —
און דעמאָלט לעשען ניט קיין טרערען...

ערשטער גרעבער:

האָט אַ צווייטע איהם...

צווייטער גרעבער:

... אָבגעקויפט, — און זי האָט זיך צעקרענקט.
נו יאָ, עס איז ווי מיט אַ ברויט: ביים בעקער ליעגען צוויי,
איינס אַ בלאַס, אַ איינגעפאַלענס, דאָס צווייטע ברוין און גרוים.
דו ווילסט דאָס גרויסע — און אַ צווייטער כאַפט עס ביי דיר אוים!
דאַן בלייבט אַ פערעניש אין האַרצען, אַז דאָס אויג דיר טרערט.
אודאי קרענקט עס, ווען פון גאָלד אַ שטיין אין טאָרבע ווערד.

ערשטער גרעבער:

ז'האָט דאָך איהם אַזוי געליעבט...

צווייטער גרעבער:

פונקט ווי געליעבט זי וואָלט אַ צווייטען,
וועלכער זאָל נור טויגען איהר אַ פריצ׳יש לעבען
צו צוגרייטען.
דאָך אַ לונגען־פעהלער... בררר! די באַקען מיט
די בליהטען — —
עס איז געפֿעהרליך... איי, מען דאַרף זיך פֿאַר איהר
מטה היטען.

(ביידע פֿאַרלאָזען די קרקע. די לויה הערט זיך וואָס אמאָל נעהנטער)

בעאטריקס:

נאָך אַ שוועסטער הער איך קומען.
אונזער הויף וויל ניט פֿאַרשטומען.
יאָהרען, טעג און נעכט און שעה׳ען
שאַרפֿט די צייט איהר גלגול־צאָהן...
איינע נאָך און מעהר נאָך איינער —
אויף איין זעלע — טויזענד ביינער! — —
אפֿשר האָט זי איהם געזעהען?
אָ באַגליקטער פֿאַרנ־נאַכט!
האָט זי אפֿשר פֿאַר פֿאַרגעהען
אַ גרוס פֿון ליעבסטען מיר געבראכט?...

VI.

(רויזע שטילענהיימ׳ס לויה ערשיינט. מען שטעלט
אוועק דעם ארון ביים קבר. דער קאָר הערט אויף צו זינגען.
דן שטעלט זיך אָן אַ זייט)

יונגער מטה־טרעגער:

גאָר אַ גרינג מת.

צווייטער מטה־טרעגער:

דאָס געלד וועט אויך זיין גרינג.

דריטער מטה־טרעגער:

זי האָט אַ רייכען פֿעטער.

פערטער מטה־טרעגער:

וועט אפשר זיין אַ טרינק.

יונגער מטה־טרעגער:

ס'איז פשוט דאָך אַ מצוה.

די דריי איבריגע:

כאַ, כאַ, כאַ!

(די פ׳ער מטה־טרעגער שטעלען זיך אָן א זייט)

פרעדיגער: (מיט געמאַכטען פאטאָס)

מיר האָבען דאָ אַ מת, אַ מת, וואָס איז געשטאָרבען,
געהייסען...

(קוקט אין בוך)

... רויזע שטילענהיים.
זי איז געווען אַ מיידעל, פֿול צניעות און פֿול וויסען,
אַ כשר׳ע נשמה און פונקט אין חודש ניסן
האט דער הימעל־פֿאטער זי, די רויז, פֿון אונזער ערד
ארויסגעריסען.
אַ מיידעל, וואס א מוסטער איז געווען פֿאר אלע.
אָט האט געזאלט זי ווערען אַ באגליקטע כלה —
און — וועה!

אַ משוגע׳נער:

בראַוואָ!

אַלע: (אויפגערעגט)

שטיל!

פרעדיגער:

... און — ווּעה!

משוגע׳נער:

בראַוואָ!

אַלע:

ווער איז דער?! באהאלט איהם!

ערשטער לויה־באגלייטער:

וואס טוסטו? ביי אַ הספד?

אַלע:

ר׳איז משוגע! ר׳איז משוגע!

משוגע׳נער:

לעבען זאל דער קייזער!

צווייטער לויה־באגלייטער:

משוגע! וויינען דארף מען, וויינען!

פרעדיגער:

... און ווּעה! זי איז געשטארבען! זי האָט איהר מיידעל־הארץ
געהאלטען ריין און אבגעהיט פאר דער טמאה׳ס שווארץ.
דערפאר וועט איהר נשמה אין די הימעל־ספערען
לויטער, ליכטיג שיינען...

משוגע׳נער:

בראַ...

(צעוויינט זיך)

קאַנטאָר:

וואַרפֿט איהם דאָרט אַרויס!

(מען פֿיהרט אַב דעם משוגע'נעם)

פרעדיגער:

און... לויטער... ליכטיג... הימעל־ספֿערען...

(זוכט פֿערלעגען נאך ווערטער)

איך האָב קיין ווערטער מעהר.

ווער קאָן דען זעהן אַ וועהטאָג, ניט לאָזענדיג קיין טרער...

(ווישט מיט'ן טיכעל די אויגען)

ז'איז געשטאָרבען ווי אַ קרבן. נאָט האָט דאָס געטהון — אין זכות פֿון רייכען פֿעטער, זאָל זי אין פֿרידען רוהן.

ערשטער לויה־באַגלייטער:

וועה! אַ כשר קינד...

צווייטער לויה־באַגלייטער:

... אַ כשר קינד געשטאָרבען!

דריטער לויה־באַגלייטער: (העכער)

געוועזען נור אַ מלאך.

פֿערטער לויה־באַגלייטער: (נאָך העכער)

אַ מלאך איז געשטאָרבען!

דריטער לויה־באַגלייטער:

וועה, אוי וועה! קליאָפּ אין קאָפּ!

פֿערטער לויה־באַגלייטער:

דערמונטער מיך, איך חלש!

קאַנטאָר:

אל מלא רחמים...

קאָר פֿון משוררים:

אל מלא רחמים...

קאַנטאָר:

את נשמת...

קאָר פֿון משוררים

את נשמת...

(משוגע׳נער יאָוועט זיך ווידער)

קאַנטאָר:

הבתולה הצנועה מרת...

(בלייבט שטעקן)

נו, אָ!

אַלעֶ:

רויזע שטילענהיים!

קאַנטאָר:

רויזע שילערהיים...

פּרעדיגער:

שטילענהיים.

משוגעֶ׳נער (אויפ׳ן קול)

שטיל! אַהיים!

אלעֶ:

שטילענהיים, שטילענהיים! ארויס, משוגע׳נער.

(מען פֿיהרט איהם אב)

קאנטאָר:

שטילענהיים...

אלעֶ: (וויינען)

הא, הא, הא! ועה, ועה, ועה!

קאַנטאָר:

אָמן.

קאָר פֿון משוררים:

אָמן.

אַלע:

אָמן.

קאַנטאָר:

נו, שטעלט די חופּה.

יונגער מטה־טרעגער: (זיפֿצט, נעמט דאָס שוואַרצע רעקטוך)

צווייטער מטה־טרעגער:

אומזיסטיגע אַרבייט.

דריטער מטה־טרעגער:

מען האָט נאָך ניט באַצאָהלט.

יונגער מטה־טרעגער:

עט, וועט אַ פֿעטער מת באַצאָלען.

קאַנטאָר:

קינדער, עס איז שפּעט.

פֿערטער מטה־טרעגער: (צו די איבריגע)

ער האָט שוין זיינס באַקומען.

(מען שטעלט די „שוואַרצע חופּה")

דז:

זאָל זיין דער הימעל מיט גערעכטיקייט באַוואוינט,
וואו צניעות ווערד פֿאַרגאָלטען און ריינקייט ווערד
באַלוינט?...

און צניעות־ריינע ליעבע...?

בעאטריקס:

אָ אָרים־קליינע שוועסטער!
ווי פֿריה דו קומסט אַהער
אין אומבאַפֿלעקטער ריינקייט ווי קינדער׳ס ערשטע
טרער...
דיך האָט נאָך ניט באַשאָנקען מיט צאַרטען גליק
דיין בעסטער
איז אומבאַריהרט דיין ברוסט נאָך, אוי אָרים־קליינע
שוועסטער...
דעם ליעבסטענ׳ס שטילע האַלזען, די פֿלאמען פֿון
זיין ברוסט,
זיי בלייבען פֿאַר דיין לעכצען אויף אייביג
אומבאַוואוסט — —
אוי אָרים־קליינע שוועסטער...

און אפֿשר איז נאָך שווערער צו זעהן דאָס גליק
ווי גרויס —
און נאָכדעם עס דערשטיקען אין דער פֿאַרשעהמטער
שויס...?
און אפֿשר איז נאָך שווערער נאָך ליכט פֿון ליעבעס־נאַכט
צו שמאַכטען אין דעם חושך, וואָס איז אין גרוב
פֿאַרמאַכט...
זיי מוחל, ווען איך לעסטער,
אָ אָרים־קליינע שוועסטער.

(די טויטען־גרעבער לעגען שטילענהיים אין קבר און הייבען אָן זי צו פֿארשיטען)

אַלעֶ:

ווערה, וועה! אַ יאָמער און אַ קלאַנג!

ערשטער לויה־באַגלייטער: (שטיל)

ווי לאַנג דאָס נעמט...

צווייטער לויה־באַגלייטער:

עס זעצט זיך שוין די זון.

דריטער לויה־באַגלייטער:

מיר וועלען האָבען רעגען.

פערטער לויה־באַגלייטער: (קוקט אין קבר — שטיל)

גאָט, היט מיך אָב דאַפון!

קדיש־זאָגער:

יתגדל ויתקדש...

אלע:

אָמן, יהא שמיה...

(מען הייבט אָן צעגייען זיך)

בעאַטריקס:

פריד צו דיר, אָ שוועסטער נייע! פרידען, טרייסט און רוה!
פון וועלטען, וואו דאָס אויג נאָך שיינט, געקומען
דאָך ביסטו.
צי האָסטו ניט דאָרט וואו געוואַנדעלט מיין געליעבטענ'ס
שטעג
און אָנגעטראָפען אויף זיין טרויער אין דעם יאָמער־וועג?

שטילענהיים:

איך האָב אין וואַנדער אויפגעהויבען צו'ן א שטראַהל
מיין בליק...

בעאַטריקס:

און ניט געטראָפען איהם, דעם האַלב־גאָט? קענסט שוין
ניט מיין גליק?...

שטילעֶנהיים:

איך האָב געליעבט און האָב געמיינט — —
איצט האָט ער ניט אמאָל געוויינט...

VII

(מייז, ווערעם און אנ־ערע שרצים
קריכען ויך צוזאמען אין שטילענהיימ׳ס קבר)

קאָר פון שרצים:

טונקט זיך איין אין לעבענ׳ס זאפּט,
נאָגט זיך איין אין בלוטיג פּעט,
פלייש איז כח, ביין איז קראַפט,
אונזער לעבען איז די זעט.

(רייסען אראב שטילענהיימ׳ס תכריכים)

מייז:

גריזשע, גריזשע ביז די ביינער!

אלע:

כראָם־כראָם, כראָם־כראָם, כראָם.

ווערעם:

וואלגערט זיך אין מח און ציינער!

אלע:

אַה... אַה... טשיפ. ציפ. זיפ.

שרצים:

שלינגט און טרינקט. וואס ס׳איז נור יונג!

אלע:

כליעפ־כליעפ־כליעפ. כליעפ־כליעפ־כליעפ.

מייז:

אויגען, הערציל און די צונג!

אלע:

כליאפ־כליאפ, כליאפ־כליאפ, כליעפ.

ווערעם:

מח, דריזען און די לונג!

אלע:

כליאַפּ, כליאַפּ, כליעפּ.

(פֿארבלײבען אין קבר. די זון הויבט אן פֿארגעהען)

דן: (איז געבליבען אליין)

פֿארשלונגען האט דער טרויער־טייך דעם מענשענ׳ס קול...
אבגעפּטר׳ט פֿריינדשאַפֿט׳ס לאסט און פליכטענ׳ס עול, —
אבגעוואשען זיך די הענד, פֿארקעמט זיך ביי פֿארמאכטע טירען

און אויפֿגעפּראלט דעם שקר׳ס לאָדען, פֿרישקייט צו דאשפּירען...

געטון דעם חוב:
באשטעלט אַ מויל, וואס שפּייען זאל מיט תפילה־וואסער־טרערען —
געלאזט באצאהלטע צניעות׳שאפֿט אויף הימעל׳ס ריינקייט שווערען — —
און — שאטענס, וואס איהר לאנערט שווער, איהר אטעמט איין די שמאך און רוה...?
אויך שאטענס ווערען גאלד־גענארט, ווען ערדענ־זון זיי שמייכעלט צו...
דאך אויבען דארט, דו גאט! דו גאט!

דערהער און קרייץ עם איין אין דיין געקרוינטען מח:
דער לאַך און קרעכץ, וואס פּאָרען זיך און קומען אין
דיין הויך —

באטריגען דיך! באטריגען דיך!

(שמייכעלט פיל יאוש)

צו וועמען... נאריש מענשען־קינד?...
פֿארשפּאר דאס קול, וואס קומט צוגעהן אַ לערקייט
פֿול צו מאכען,
און היט זיך, זאלסט אין נויטען׳ס שאנד אליין פֿון זיך
ניט לאבען.
טאנצען שטערענדליך אין אויג דאָס גאנצע, הארבע לעבען —
אין לעצטען אויגענבליק איז שווער אַ באַנד דעם אויג צו
געבען — —
און איינציג בלייבט דיר נור דער שלאף, וואס קאן
אַ טובה טון:
פֿארגעסענהייט, ווען לעבען לעשט אין הארץ פֿון ערדען־זוהן.

אַ טויטער קלאנג... אַ פּוסטער רוף...
איך קום צו דיר, אָ בעאטריקס — נישטיג אין
דיין סוד צו רוהן!

(שיעסט זיך אין ברוסט. ער פאלט מויט אויף בעאטריקס קבר)

בעאטריקס:

מיין דן!

(פליהט ארויף אין געשטאלט פון אַ טויב און שוועבט ארום דעם ושעני׳ס קבר)

מיט דיר, מיט דיר, דיין זעעלע און גייסט,
פֿארשמעלץ איך איצט מיין טויבען־הארץ,
דער שטראהל אין מיר ווערד איצט געוויסט

און שייד'ט זיך אב פֿון ערדען־שוואַרץ.
מיין ברודער־גייסט, מיין גאט, מיין גאט!
מיר לעֶבען אויף אין מענש'ס געבאט.

מיין אטעם הויכט דעם גאט'ס פֿארלאנג
און דיינע שפּורען שטראהלען גליק,
דאס אויסדערלייזטעֶ ליוב־געזאנג —
דאס איז מיין הארץ און דיינס אַ בליק!
מיין ברודער־גייסט, מיין גאט, מיין גאט!
מיר שטראהלען אויף אין מענש'ס געבאט.

מיט שווינגען לייכט און שווינגען קלאר
באשוועבען מיר דעם אַויר'ס הויז, —
דער סוד פֿון אייביג זיין איז וואהר:
די אייביקייט איצט הויכט אונז אויס!
מיין ברודער גייסט, מיין זעעל'ס געבאט!
פֿאראייביגט איז דער מענשען־גאט!

VIII.

(עס הערט זיך דאָס אָניאָגען פֿון פֿאַרשיעדענע קולות:
„געשאָסען! — האַ? — דאָרט! — וואָס? — —",
ביז איינציג־ און פּאָרלעך־ווייז עס קומען צולויפֿען:
די לזיה־באגלייטער, מטה־טרעגער,
טויטען־גרעבער, משוגע'נער און אנדערע
פֿון פֿאָלק — כמעט אלע, אחוץ די מטה־טרעגער,
טויטען־גרעבער און משוגע'נער, מיט בלומען באַשטעקט)

ערשטער טויטען־גרעבער:
ער האָט זיך דערשאָסען!

צווייטער טויטען־גרעבער:

אַ פֿריש שטיקעל אַרבייט.

צווייטער מטה־טרעגער:

ניט קיין שלעכט פּאַרדיענסטעל —

ערשטער לויה־באַגלייטער: (שטאַרק אין כעס)

פונקט אין מיט! עובר זיין די קאַרטען...
כ'וועל שוין מוזען מיט דעם באַל ביז נאָך קבורה וואַרטען.

צווייטער לויה־באַגלייטער:

ט'האָסטו! ... געקויפט ערשט פרישע בלומען...

(שטיל צו זיין פּאָרעל)

נו, קיינער זעהט ניט — קום געשווינד — מיר וועלען
שפּעט נאָך קומען.

(קוקט אויפן זייגער —ביידע שנעל אב)

דריטער לויה־באַגלייטער:

איי־איי... דערשאסען! ניט אבגענארט...

(צו זיין פּאָרעל)

נו, קום, ס'איז צייט, דאס אויטאָ וואַרט.

(ביידע אב)

פערטער לויה־באַגלייטער:

אַ'ן איינפאַל...

ערשטער לויה־באַגלייטער:

אַ דאַנגה, נו.
משוגע איז ער שוין פון לאנג.

אַלע:

ער איז שוין לאנג משוגע. משוגע!

משוגע׳נער:

הו־הו, הו־הו . . .

(צעלאכט זיך ווילד)

יונגער מטה־טרעגער:

אָט איז אַ גרויסער דאקטאר.

(מען מאכט פלאץ, עס קומט דער ד א ק ט א ר, נעהט צו, באטראכט איהם — מיט טיעפער געלעהרטענ־מינע)

דאָקטאָר:

ער איז טויט.

איהם טראָגט אין טויטענ־קאַמער.

דריטער מטה־טרעגער:

און ווער וועט באצאהלען ?

(די זון פארגעהט)

קאָר פון שרצים: (אין שטילענהיים׳ס קבר)

טונקט זיך איין אין לעבענ׳ס זאפט

נאגט זיך איין אין בלוטיג פעט,

פרעסט די כוחות, זויגט די קראַפט,

ס׳איז באשערט פאר אונז אַ זעט.

(שפרינגען ארום שטילענהיים׳ס גוף)

(די מטה־טרעגער און לויה־באגלייטער לאזען זיך געהען מיט דן׳ס טויטען גוף)

בעאטריקס:

ער קומט ! !

(פון ווייטען הערט זיך דאס קול פון קדיש־זאגער: „יתגדל ויתקדש׳ . . .)

(אלץ ווערד פארוועבט אין אַ גרויען נעבעל)

דריטע מדרגה

בעאטריקס

דן

דער קעניג

הויפנאר

א ריעזענ־סאלדאט

א יועץ

א פריסטער

פרוי לילא

די שקלאווין

פראפעסאר

פרוי לעבענסטאל

פאליטיקער

רעדאקטאר

פאעט

משוגע׳נער

דער מאן מיט דער קאַסע

ערשטער זאלצ־האקער

צווייטער זאלצ־האקער

דער מאן מיט דער מאלפע

דער אקטיאר

די ארטיסטקע

א קול

אויפֿזעהער

בויערן

שטימען

עולם

זאלצ־העקער

ארבייטער

ווייס־חברה

ווייסע געשטאלטען

די ערד־קוגעל — — אין מיט א גרויסער קעניגס־
טראָן — — לינקס דאַפון א תבואה־פעלד מיט א
הויכער ווינד־מיהל, רעכטס זאלצ־גראבען מיט
א גרויסען באקאוויוען — — איבער דעם
אלעמען געפינט זיך די „וויים־געשטאלטען־ספערע״
— — א לעדיגער חלל, געטונקען אין פארשיעדענע

»» געלויטערטע פארבען ««

I.

אויפ׳ן טראָן זיצט א דיקער קעניג מיט דאַרע פיס. אויפ׳ן קאָפּ א אומגעהייר גרויסע קרוין. ער איז באַפּאנצערט פון קאָפּ ביז פיס. אויפ׳ן לינקען ארעם א באַזונדערס גרויסער האַנד־פּאַנצער, אין דער רעכטער האַנד, צווישען צוויי פינגער, א קליין שווערדיל. איהם צופּיסענס דער הוֹיפנאַר. ביי איין זייט א ריעזען־סאָלדאַט מיט א אידיאָטיש פּנים, ביי דער צווייטער זייט אַ יועץ. הינטערן טראָן שטעהט דער פּריסטער. אויפ׳ן פעלד קלויבען בויערן זערנעס תבואה און דערלאַנגען אין דער מיהל, וועלכע האַלט אין איין ארבייטען. אין זאלצ־גראבען האַקען זאַלצ־העקער זאַלץ. אלעס אין באַוועגונג: בויערן דערלאַנגען זערנעס אין מיהל; פערטיג מעהל און זאַלץ פיהרען די ארבייטער צום באַק־אויווען, פון דאָרט ווידער פיהרען זיי דאָס פרישע ברויט צום קעניג, וועלכער לאָזט עס פארטיילען; א היבשער טייל דאַפון בלייבט ביי איהם. ביי די זייטען שטעהען רייכע אויפזעהער, צווישען זיי פיעל פריהערע לויה־באגלייטער, מיט לאנגע קנוטעס אין די הענד. זיי נעמען יעדעסמאל א געוויסען טייל זערנעס, מעהל, זאַ״ץ, און ברויט פאַר זייערטוועגען. — — אין איין זייט ליעגט אויף א לעהנ־זאָפע פרוי לילא; א שקלאַווין באדינט זי און וועהט איבער איהר מיט׳ן פעבער. אין דער צווייטער זייט זיצט דער פּראָפּעסאָר ביי אָפענע ביכער — ער שטודירט. פרוי לעבענסטאל, מיט א סערוועטיל אין האַנד, מאכט אָרדנונג. דער פּאָליטיקער דרעהט זיך ארום דעם קעניג. דער רעדאַקטאָר, מיט א וויגד־פעהנדיל און א בלעכענעם האָהן אויפ׳ן קאָפּ מיט אַ נאָטיץ־ביכעל אין דער האנד, געהט אַרום, קוקט יעדען אין מויל אריין און מאכט נאָטיצען. דער פּאָעט באטראַכט אלץ און שטעהט יעדען אין וועג; דער משוגע׳נער געהט איהם נאָך. דער מאַן מיט דער קאָסע טראָגט זיך צווישען אלעמען ווי א שווערער,גראָהער הויך. — — אין דער „וויים־געשטאַלטענ־ספערע״ הערט זיך פון ווייט א מתיקות׳דיגע מוזיק. ווייסע געשטאלטען שוועבען ארום. פויזע. בעאַטריקס שוועבט פאַרביי — קוקט זיך פלוצים אום.

בעאַטריקס:

דער געטער־שטראהל צעגיסט זיך ברייט אין אַויר׳ס אייביקייט,
די שירה קלינגט אין זיסען ריח מיט נשמה פרייד!

פֿון מענשען־האַרץ און געטער־וואוין און זעפֿיר׳ס אַטעם־קלאַנג
זיך ציעהט אַ הויך אין רויזען־גליק און אין דעם ליכט־געזאַנג...
ווי נשמה׳ס פֿרייד־געטראַנק...
ווען האָט מיין חוש געבוירען דאָס, און ווען דאהערט אין זיך?.
מיר דאַכט: נור אין מיין קינדיש האַרץ און אין מיין מוטער׳ס דיעך..

(דאָס געזאַנג צעוויינט זיך אין קראַפט פֿון אַ כוואַליע־ים)

בעאַטריקס: (הערט זיך צו)

איז דאָס אַ שטראַהל פֿון מעהרען זיך — דעם גליק׳ס אַ זעפֿיר־גלעט?
מיר דאַכט: אויף צימבלען רוישט דאָס מעער און ס׳לאַכט צו מיר אַ פֿלעט — —

(פּלוצים, פֿול פֿרייד)

ס׳איז ער!

(שוועבט שנעל אַב)

II.

בויער:

נאָט באַשענקט אונז און מיר קלויבען,
דאַרף מען דאַנקען איהם און לויבען.
דאַנק דיר, פֿאַטער! דאַנק דיר, זוהן!
אין דיר, נאָט׳ס מוטער, וויל איך רוהן!

(קניעט, קושט די ערד)

ערשטער זאַלצ־האַקער:

דער קעניג שיינט. מען דאַרף איהם זיסען —
זאָלץ נור ניט איהם צו געניעסען!

הויפנאר:

נור ניט שיט איהם אין די אויגען —
הערסטו, קנעכט!
אַ בלינדער קעניג וועט ניט טויגען.

פריסטער:

ארבייט, ארבייט, בראווע קינדער.
ארבייט מאכט אַסך געזונדער.
גאט און קעניג ווייזט אייך וואונדער,
שפייזענדיג די הויז־געזינדער.
ארבייט קינדער!

צווייטער זאלצ־האַקער:

מיר דערלאנגען דאך די גאבען — —
וואלטען מיר נור עפים האבען...

(פריסטער אין פערלעגענהייט — קוקט אומבאהאלפ׳ען איפ׳ן אויפזעהער)

אויפזעהער: (ווערד רויט פאר צארן)

ארבייט! — הע, אַ סאָציאליסט.

(מיט פרומקף)

שטעהט דער זעלנער דארט אומזיסט — ?

(דער מאן מיט דער קאָפּע גיט אַ בליק מיט זיין געציינ — דער זאלץ־האקער נעמט זיך צו דער ארבייט)

רעדאקטאָר: (לויפט אונטער, צום אויפזעהער)

וואָס? רעוואָלטען?

(צום זאלצ־האקער)

ניטא קיין עסען?

(נאטירט)

„דערשטיקט רעוואָלוציע מיט מאַכט פון געזעץ..."

פראָפּעסאָר: (פון דעם מאנוסקריפּט לעוענדיג)

„צווי אַ דריטעל זאַלץ און הייוועז,
מעהל און וואסער צוגעקנעטען:
ברויט — מלכים צו פאַרבעטען!"

רעדאַקטאָר: (געהט צו)

איך בין דאַרויף דער בעסטער מבין.
אַ נאטיצעל אפשר? ברייטליך... עכט...

פראָפּעסאָר:

מיין פירמע צאהלט.

רעדאַקטאָר:

איז שוין רעכט.

(נאטירט)

„די זשעניאַלע ערפינדונג פון פראָפּעסאָר..."

פרוי לילא:

זייד און פעריל. אך, ווי נודנע...

(געניצט — צו דער שקלאַוין)

מאַך מיר גאלדיג מיינע נעגעל.

שקלאַווין:

איך בויג זיך, הארין, נאך דער רעגעל.

(קניעט אניעדער)

פרוי לילא:

זעה דיין שמייכעל! אַך, ווי ברודנע!
גיב מיר רויזיג וואסער!

רעדאַקטאָר: (פאַרבויגט זיך טיף — צו פרוי לילא)

מעג מען שמעקען — ?...

איך בין מבשר:

די שעהנסטע, בעסטע, אויסדערוועהלטסטע...

פרוי לילא: (צו דער שקלאווין)

גיב איהם דארט אַ זשמעניע גראשענס.

רעדאקטאָר: (נאטירט)

„די וועלט־באריהמטע פילאנטראפקע..."

פרוי לעבענסטאַל:

אַ בעל הבית׳טע איז די פאהן:

דא אַ שטויבעל, דארט אַ האהן —

זאמלען, זאמלען דארף איעדער, —

עסט מען גענז און פאהרט אין בעדער.

(זאמעלט שמאטעס און שטויבט זיי אב)

אויפזעהער: (צו די ארבייטער)

איהר באקומט דאך אויך אַ שיסעל.

פריסטער:

מוז מען פרום זיין אונטערטעניג —

אויפזעהער:

נאלד אַ שטיקעל, בלוט אַ ביסעל —

פריסטער:

זאמלען מיר דאך פאר דעם קעניג...

יועץ: (שעפטשעט דעם קעניג אין אויער)

געננוג.

קעניג:

האַלט!

סאלדאט:

האַלט!!

(די אַרבייט הערט אויף)

יועץ: (צום קעניג אין אויער)

אַ יום טוב.

קעניג:

עס איז אַ יום טוב ביי אונז היינט.
איהר מעגט זיך שפּיעלען — מיינע פֿריינד.

סאלדאט: (שרייט)

פֿריינד!

הויפנאר: (איראניש צום סאלדאט)

„פֿריינד״ געהער צום צערטליכען געשלעכט.

סאלדאט: (ווי פֿארענטפֿערענדיג זיך)

דער קעניג...!

III.

(עס לויפֿט אן דער מאן מיט דער מאלפּע. ווייס־חברה לויפֿט איהם נאך)

דער מאן מיט דער מאלפּע:

קומט אַהער! קומט אַהער!
אַ וואונדער — איין מאל נור צו זעהן!
קיין ציגיינער, ניט קיין בער, —
אַ מאַן ווי זיי, ווי איהר געווען —
היינט אַ מאלפּע, שפּאנגעל־עכט.
קומט אַהער! קומט אַהער!

(אַלע לויפען זיך צונויף)

שטימען:

ער איז גערעכט! ער איז גערעכט!

(באטראכטען די מאלפע)

דער מאן מיט דער מאלפע:

אנו, מיין חכמ׳על, באווייז,
ווי שעהנע דאמען עסען אייז.

(די מאלפע קאטשעט זיך אויף ד׳ר׳ערד)

שטימען:

אט א חכמה! כא, כא, כא... עס איז איהר היים.

(אלע קאטשען זיך פאר געלעכטער)

פרוי לילא: (צו דער שקלאווין)

זעהסט קאליערען אין איהר פעל — ?
איז עס ברוין? צי שווארץ? צי העל?
און וואס פאר א ווידעל — אויסגעטאקט!
נאטוריר מיר באלד די האהר
אויף שווארץ און ברוין און גאלד־געלאקט,
און דעם האלז — מאך מאלפע־קלאר!

(די שקלאווין גיט זיך א וואָרף צו דער ארבייט)

שטימען:

א פיגור — ווי אויסגעטאקט!
און די האהר — נאטור געלאקט!
וועגוס! וועגוס! קעניגין!

(אלע באוואונדערן זי)

משוגע׳נער: (לויפט צו — אויף לילא ווייזענדיג)

זעה א מאלפע!

ש ט י מ ע ן:

דאָרט די מאַלפּע! דאָרט די מאַלפּע!

(ווייזען אויפ'ן מאַן מיט דער מאַלפּע)

מ ש ו ג ע' נ ע ר:

דאָרט אַ בער.

ש ט י מ ע ן:

ביזט משוגע. קומט אַהער!

(שטעלען זיך אַרום דעם מאַן מיט דער מאַלפּע)

ד ע ר מ אַ ן מ י ט ד ע ר מ אַ ל פּ ע:

אַנו, מיין חכם, ווייז ווי מיידלעך
טראָגען קורצע, דינע קליידלעך.

(די מאַלפּע הערבט די פּיס)

ש ט י מ ע ן:

זעהט זי, זעהט זי — ווי די מיידלעך!
קורצע, דינע קליידלעך.

(אַלע פאַרקאַטשען די פּאָלעס)

ד ע ר מ אַ ן מ י ט ד ע ר מ אַ ל פּ ע:

און ווייז נור, קלוגע, ווי עס מאַכט
אַ זשעניע — פאַרטראַכט.

(דן מאַלפּע גלעט דעם שטערען)

ש ט י מ ע ן:

מאַכט פאַרטראַכט!

(אַלע גלעטען דעם שטערען)

ד ע ר מ אַ ן מ י ט ד ע ר מ אַ ל פּ ע:

און אַז מען שטעלט אַ חופּה?

(די מאַלפּע שטעלט זיך אויפ'ן קאָפּ)

שטימען:

אויפ'ן קאָפּ, אויפ'ן קאָפּ!

(אַלע שטעלען זיך אויפ'ן קאָפּ)

דער מאַן מיט דער מאַלפּע:

וויִיז'זשע, שטאָלצע, מיט דער האַנד
ווי צו זיין גאַלאַנט.

(די מאַלפּע שאָקעלט מיט דער לאַפּע און גיט אַ שמאָלק)

פאַרשטאַנען?

שטימען:

זי געזעגנט זיך! — אַ פּראַנט!

(אַלע טאַנצען פאַר שמחה, שאָקלען מיט
די הענט, מאַכען נאָך דער מאַלפּעס גאַנג)

משוגע'נער:

מאַלפּעס! מאַלפּעס — פול אַ וואַלד!

שטימען:

דאָרט די מאַלפּע! דאָרט די מאַלפּע!

משוגע'נער:

דאָרט אַ בער.

שטימען:

ר'איז משוגע! ר'איז משוגע אין אַ מענש־געשטאַלט!
נעמט איהם, ברענגט איהם נור אַהער,
זעצט איהם מיט געוואַלד!

(מען זעצט איהם אין אַ שטיין)

דער מאַן מיט דער מאַלפּע:

זעהט די קונצען! ניט קיין בער —
איז אין ספק ווער?

דער עולם:

אמת! אמת! קומט אַהער.

(אַלע טאַנצען אַרום דעם מאַן מיט דער מאַלפּע)

פּעטע קליבעס, ברייטע ברוסטען,
עהרענ־וואָרט אין האַנד.
טרעפט איהר וואו אַ ניט־באַוואוסטען —
דריקט איהם צו דער וואַנד!
איינס, צוויי, דריי — איינס, צוויי, דריי.
אַלע גלייכע, אַלע ברידער,
רויטע פעדערס שפּילקע־ליעדער,
קאָפּ אַראָב און פיס־באַקראַנצט —
אַלע טאַנצט, אַלע טאַנצט!
איינס, צוויי, דריי — איינס, צוויי, דריי.

(וואַרפען גאָלד־שטיקער אין הוט פון דעם מאַן מיט דער מאַלפּע)

רעדאַקטאָר: (נאָטירט)

„די מדה פון פאָלק:
קליבעס — האָהר —
זשעניע־פּאַרטראַכט —
שטאָלץ־נאַטור —
אַ גוטע נאַכט —"

הויפנאַר: (איז צוגעקומען)

נאָר ניש־קשה — פרעהליך עולם!
דרעהט אַ רעדיל מאַלפּע׳ס ווידעל!
היט אַ בחור פון אַ מיידעל!

(צום פּראָפעסאָר)

פילאָזאָף!
הייסט דאָס גולם?

רעדאַקטאָר:

אַ ציַיטונגס־שטאָף.

(גאַטירט)

הויפנאַר:

דער קעניג רופט!

(דער עולם לויפט נאָך דעם מאַן מיט דער מאַלפּע. פּאָליטיקער, פּרוי לילא, אויפזועהער, בויערן, אַרבייטער און הויפנאַר שטעלען זיך פאַר'ן קעניג, — רעדאַקטאָר לויפט זיי נאָך)

סאָלדאַט:

עס שטעהט.

הויפנאַר:

נעהנטער געהט.

(ער שטעלט זיי אויס)

יועץ: (שעפּטשעט דעם קעניג אין אויער)

כבודים פאַרטיילען!

קעניג: (צום פּאָליטיקער)

דו, וואָס שטיצסט מיין פּאָטער'ס קרוין,
באַקומסט דעם טיטעל „לאָרד“ צום לוין.

פּאָליטיקער:

צום לוין!...
ס'איז גאָרניט ווערט דאָס מיין פּאַרשוין...
איך דאַנק! איך פאַל! איך קניע!...

הויפנאַר: (צום רעדאַקטאָר)

און דו —
זוך נאָר סברות און באַווייז,
אַז טאָג איז נאַכט און מענש איז — רייז — — —

רעדאַקטאָר:

איך הער, איך הער!

(נאָטירט)

פּאָליטיקער: (ווייזענדיג אויף פרוי לילא)

און דאָס איז... הם... דאָס איז מיין „זי"...

הויפנאַר:

לויט קאָנטראַקט.

פּריסטער: (פאַרנויגט זיך טיעף)

עס שטימט, צו דיענען.

קעניג: (באטראכט זי דורכ'ן מאָנאָקל, — מיט געצעהלטע ווערטער)

נו... און דו ווייסט, ווייבעל, מיר ביים טיש
דערלאַנגען אויף מיין צונג — די פיש.

פרוי לילאַ:

וואָס פאַר אַ גליק! מיין האַר — אַ גליק!
דאָ האָסטו מיך מיט הענד און בליק!

(קושט איהם דעם זוים פון קלייד)

הויפנאַר: (צום פּאָליטיקער)

... איז דיינע קינדער וואויל און גוט:
פּאָליטיק־קעפּ מיט קעניגס־בלוט...

קעניג: (צו די אויפזועהער)

ווייל איהר מאַכט דאָס לאַנד מיר רייך,
שענק איך צ ו ו י י פון טויזענד אייך.

קאָר פון אויפזועהער:

גנעדיג... גנעדיג! אונטערטעניג —

הויפנאַר:

האַלט'זשעט מעכטיג אייער קנוט, —
ס'האָט דער עולם צופּיעל בלוט...

יונגען: (שעפּטשעט)

דאָס פאָלק ניט פאַרגעסען.

קעניג: (צו די בויערן און ארבייטער)

שוויים איז ווייןָ, און בלוט איז גאָלד.
קושט מיין קלייד — איך האָב איך האלד.

סאָלדאַט:

איז גאָלד — און קושט!

בויערן און אַרבייטער: (פאלען אויף די קניעס)

הויפנאַר:

אכפערט זיך, און פרוכטבארט זיך,
און דאַנקט דעם קעניג פאַר זיין גנאָד;
און ווען דער אַקער אייך געראָט,
דאַן שיטס איהם זעלנער פון דער דיעך.

אַלע אין קאָר:

גנעדיג, גנעדיג איז דער האַר.
גיט איהם אָב אַ לויב דערפאַר.

סאָלדאַט:

אַ לויב!!

(מוזיק שפּיעלט אויף ביי גלאָקענ-קלאַנג)

אויפזעהער:

מוזיק שפּיעלט!

פּ ר י ס ט ע ר:

די גלעקער קלינגט!

ק אָ ר: (דורכאײנאַנדער)

ס'איז אַ יום טוב — טאַנצט און שפּרינגט!

(אַלע טאַנצען און שפּרינגען)

ר ע ד אַ ק ט אָ ר: (נאָטירט)

„דאָס ברייטע האַרץ פון קעניג...״

אַ ק ו ל:

צום קעניג!!

(אַלע גיבען זיך אַ לאָז צום קעניג)

י ו ע ץ: (צום קעניג)

אַ מרידה!

ק ע נ י ג:

אַנאַרכיסטען...?

(צום סאָלדאַט)

וואו ביסט דו!?

איך נעם די שכירות ביי דיר צו!

ס אָ ל ד אַ ט: (דערשראָקען)

איך הער!!

(צעטרייבט דאָס פאָלק)

כאָפּטע! אויף דעם בלאָטע־פעלד!

ניט פאַר אייך די גאַנצע וועלט!

א ו י פ ז ע ה ע ר:

זעהט איהר ניט: דער קעניג ווינקט — ?

אין די ווינקלען! עסט און טרינקט —

ט'האָט איהר ברעקלעך — דאָרט אַ קוואַל — — —

הויפנאַר:

מאַכט ניט זיס דעם קעניג׳ס גאַל.

יועץ: (שעפּטשעט)

אַ מלחמה...

קעניג: (אין שרעק)

צו דעם שונא!! קריגסט אַ זאַק!

סאָלדאַט:

איך האַק!

(דער מאַן מיט דער קאָסע טוט א בליץ און לאָזט זיך געהען צווישען פאָלק. עס פאַלען טויטע. די איבריגע, צווישען זיי פיעל צעקאַליטשעטע, זעצען זיך דערשראָקען אין די ווינקלען, — עסען און טרינקען)

הויפנאַר: (דעם סאָלדאַט אָנווייזענדיג)

נוט געמלויצעט — אמת, קעניג?

יועץ: שעפּטשעט צום קעניג)

באלוינען.

קעניג:

איך וויל באלוינען איהם דערפאַר.

הויפנאַר: (הערבט זיך אויף, דעקאָרירט דעם סאָלדאַט מיט א מעדאל)

נא, און וויים: דאָס גיט דיר גנעדיג
אונזער גאָט־געזאַלבטער האַר.
פאַרגעס ניט דאָך, וואָס ס׳האָט די ווערט:
ס׳איז א צלם — ווייסט עס? — פערד!
גאָלד פאַר בלוט, פאַר רעכט — א שווערד, —
דאָס איז א צייכען אויף דער האַנד,

אז קוילען מעגסטו לאָזען זיך
פֿאַר אונזער פֿאָטערלאַנד.
זעהסט: עם בליעסקעט אויך דערפֿאַר.
נא, און וויים: דאָס קאָן א נאַר... א האַר!

(גיט איהם א שנעל אין נאָז — צעלאַכט זיך)

ר עֶ ד אַ ק ט אָ ר: (נאָטירט)

„אונזערע מעכטיגע העלדען:
פֿאר אוים׳הרג׳ענען זיבענאונדרייסיג טויזענד מיט
א האַלבען ניגער,
האָט אונזער גוטער קעניג באַלוינט...

(מען טראָגט ארוים די טויטע. — די לעבעדיגע נעמען זיך ווייטער צו דער ארבייט)

IV.

(ד ן קומט — אין ווייסען קלייד מיט א שווארצען ווים; אויף דער ברוסט א רויטער בלוט־פלעק — געפיהרט פון ב ע א ט ר י ק ם)

ב עֶ א ט ר י ק ם:

מיין באנער האָט דיך דערפֿיהלט,
אין פֿליגלען ווייסע זונ־באַצירט,
האָב איך דיין הייליג האַרץ געהילט.
און דאָך, פֿון מיינע טרוימענ׳ס רייכסטער מיט
געציטערט האָט די שרעק: צי האָט דיך ניט פֿאַרפֿיהרט
דער ערד׳ם געקרומטער שריט — —

ד ן:

איך בין געווען ווי איינגעוועבט
אין שווארצ־געווייסטען קלייד...

בעאטריקס:

דער שוואַרצער גוף פֿאַרדאַרבט,
ביז די נשמה ווייסקייט ארבט
פֿון גלגול׳ס פֿרייד.

אָ, ווי איינזאַם כ׳האָב געשוועבט...

דאָך איצט — געקומען ביסטו צוריק
אין האָפֿנונג׳ס ליעד, אין שטראַהלען־גליק!
איצט בלייבסטו שוין אָן מיר באַהעפֿט,
ווי ווען דער טוי אין בענקשאַפֿט טרעפֿט
א זונען־פֿונק אין בלומען׳ס האַרץ.

געבענשט די שעה, וואָס האָט באַפֿרייט
דיין אויג פֿון שטויביג ערדען־שוואַרץ
און דיך צום ריינינען געגרייט!

דן:

מיין וועה און טרויער האָט מיך געשיקט,
צו פֿרעגען דיך אין שטילער שרעק: — האָסטו באגליקט?

בעאטריקס:

דאַן זעה דעם ים, וואָס ליכטינגט זיך,
אָ, זעה די שיין, וואָס מיך און דיך
באַקרוינט, צו היילינגען פֿאַר זיך —
און זאָג:
איז גליקליכער באַשעפֿער׳ס טאג?
אויף לענג און ברייטען און אויף שיעף,
וואו שכל׳ס אויג ניט גרייכט די טיעף
און ניט מחשבות׳ פֿליה די הויך, —

דאָרט פּליסט אין שכינה־שיין דער כח
פון תמיד'ס „זיין".

ד ן:

א ים מיט ליכט באַטרינקט ווי וויין...

ב עָ אַ ט ר י ק ס:

און הויכט ניט פּריש א מעלאָדיע?
פון פריה ביז נאַכט, פון נאכט ביז פריה,
צעטראגט זיך הארציג זי.

האָט מיך באַטריבט א חבר'ס ווייט,
איך זאָל זיך טיילען מיט מיין פרייד,
צו טראָגען זיך מיט איהם אין רוה
פון בשמים־ריח און שכינה־שטראַהל —
געקומען דאַן ביסטו!

ד ן:

עס שרעקט מיך אלץ אַ שטילע קוואַהל —
עס רוישט דער תהום — עס שטומט מיין וואָרט —
מיין זין פאַרגעהט! — ווי הייסט דאָס אָרט!?

ב עָ אַ ט ר י ק ס:

קיין ווארט, קיין ארט, און ניט דער זין
באהערשען קאָן די אייביקייט.
דאָס היילינטום, וואָס דאָ זיך שפרייט,
וואָס קען קיין סוף און קיין באגין —
באַגרייפען קאָן נור דאָס ג ע פ י ה ל.

ד ן:

דאן איז ניט קלאר מיר וועג און ציעל!

עס טונקעלט זיך מיין דורשטיג אויג —
און קניע און קאפ אין שרעק איך בויג — — —
מיין אוי׳ר פארטראגט ניט יענעם שיר —
דיין ווארט, מיר דאכט, עס לעסטערט מיר!

בעאטריקס:

מענשליך ווערד דיין גייסט׳ס געזיכט —
דיין אויג זיך קעהרט פון הימעל־ליכט —
האסטו צו פריה דערזעהן דעם בארט!?

דן:

הערט אויף! הערט אויף די ליעדער דארט!

(דער וויטער נגון געהט איבער אין פיאניסימא)

מיין גוף זיך ברעכט — עס שווינדט מיין טרוים — — —

(ער שטיצט זיך אויף בעאטריקס)

בעאטריקס:

וואס זאל באטייטען שווארצער זוים
אויף ווייסען קלייד?

דן:

מיין הארץ נאך טרערט פון גורל׳ס רוט — —

בעאטריקס:

דיין ברוסט באפלעקט מיט פרישען בלוט — !?

דן: (אין פיין)

אָ דאס האט מיך געפיהרט צו דיר...

בעאטריקס:

אָ, דו פריהע פרייד!...
געשטרויכעלט איז מיין שעה:סטער שיר...

(פויזע)

געבראכט אַ קרבן האסטו מיר?...
מיין ליעבער פריינד, מיין גוטער פריינד...
און אָט דער קרבן שייד'ט אונז היינט...
אַ קרבן ברענגט ניט אייביקייט.
אליין מוז שטארבען גופים'ס קלייד,
ביז דער נשמה'ס גייסט אנטפלעקט דער שכינה'ס גליק.
דערפאר איז בלינד דיין דמיונ'ס בליק
פאר תמיד'ס שיין, מיין ליעבער, גוטער פריינד...

ד ן:

דאן ליעגט א קללה אויף מיין זענען?

ב ע א ט ר י ק ס:

ניט פארצווייפלען, ניט מעהר פרעגען,
דן, מיין פריינד —
דען נור פארלענגערט איז דיין שטעג.
ניט צייל די שריט פון דיינע טעג,
דעם תהום ניט מעסט מיט ערדענ'ס היינט — —
דו האף!

דער עוד'ס געשטאלט פארגעס,
באטרעט מיט מיר דעם גלגול'ס וועג —
און ווארט, און גלויב אן לעצטען נס,
מיין גוטער, ליעבער, אר'מער פריינד...
(פיהרט איהם אב)

V

ר ע ד א ק ט א ר: (דערנעהנטערט זיך צום פאליטיקער)

זאָגט מיר, זיסער, גרויסער האר:
ווי וועהט דאָס ווינטעל אויף מיין פאָהן?

וואָס זאָגט דער קעניג? וואָס דער נאַר?
איז שוין געזוּנד דער מלכה'ס צאהן?
איך האָב געהערט: אין מיטען ים
צעלענט זיך באלד א פייער־פּלאם —
קויפט איהר שפּענדליך? שיפּט זיך ניט
דער טאָטער־מלך אין דער מיט — ?
זייט מיר מוחל וואָס איך מאָהן —
דאך, זעהט איהר אויף מיין קאָפּ די פּאָהן?
אז איך וויים ניט וואוהין דאָס ווינטעל גיט א בלאָז...
און וויל איך קוקען אויף מיין קאָפּ, און העב איך אויף
די נאָז —
ווארפט א שד אראָב דעם האָהן, —
און אוים!
זאָגט'זשעט, זיסער, גרויסער האַר —

פּאָליטיקער:

אט איז דער נאַר.

הויפּנאר: (צום רעדאקטאר)

נעמט אַ זערנעלע, צעמאהלט, ווארפט עס אין דעם
קעסעל, —
וועט זיך טון אויף טיש און בענק, וועט קאכען אין דעם
געסעל.

רעדאקטאָר: (נאטירט, ווי ער וואלט יעדעם ווארט פארשלונגען)

„... זערנעלע... קעסעל... געסעל...
דער טריומף פון אונזערע דיפּלאמאטען..."

פּאָעט: (האט זיך אלץ ארומגעדרעהט מיט דער הארפּע אין האנד און געבעטען ברויט מיט וואסער)

„וואס ציטערט מאדנע אייך אזוי
דער ברוינער פּיעדעל אין דער האנד?
— אלס סטרונעס האבען מיר אויף איהם
אַ מענשען־הארץ געשפּאנט!
א'ן ארים, נאריש, קליינטשיג הארץ
צעשפּיעלען מיר אויף איהם אין שטיק —" *)

הויפּנאַר:

אַך, טונק דעם שמארץ אין ערדען־שווארץ,
וועט ווערען פּעט דיין מאָגען־גליק!

רעדאַקטאָר:

פּעט?
איי, אַ פּאָעט!
איך בין דאַצו אַ מומחה.

פּאָעט: (פאַרשעהמט)

דריי וואָכען ניט געגעסען...
אַ יאָהר שוין ניט געדרוקט...

רעדאַקטאָר:

נו יאָ, איך דאַרף אַ סחורה'לע:
אַ קיצעלע, אַ וויצעלע,
אַ מעשה'לע ניט שלעכט —
פאַרשטעהט זיך: מיט אַ תורה'לע.
נור לאָזט די בלויע בלומען־קרענץ מיט ווייסע זונען־נעכט...

---

*) די זעקס שורות זענען פּון מאריא עווגעניא דעללע גראציע'ס „ציגיינער־מוזיק".

דער עיקר איז אַ קיצעלע —
וואָס זאָגט דער נאַר?

הויפֿנאַר: (איראָניש)

נו יאָ.
פֿאַנטאָפֿעל האָט דער קעניג,
שרייב איהם אונטערטעניג
אַ הימן צו די קאַלאָשען,
וועט ער דיר ווערען גנעדיג.
דער עולם דאַרף אַ גראָשען.

(גיט איהם אַ שנאָל איבער די סטרונעס — זיי צעפּאַלען זיך)

פּאָעט: (מיט גערימענע סטרונעס ביי דער האַרפֿע — ווישט זיך דעם שוויים פֿון שטערען, דעקלאַמירט מיט פּאַטאָס)

שטיל אין פֿריעדען איז די שטילקייט,
אַלעס רוהט און אַלעס עסט,
דאָרטען טראָגט דער שטאָלצער קעניג,
און דאָ וואוינט דער קנעכט אין נעסט!

רעדאַקטאָר:

נאָך צו מאָדערניסטיש.

פּאָעט: (נויגט זיך פֿאַר דעם ברויט)

אָ ברויט, געקנעטען ברויט!
טויט.

(נויגט זיך פֿאַר דעם זאַלץ)

אָ זאַלץ! געזאַלצען זאַלץ!
שמאַלץ.

(נויגט זיך פאַר דעם וואַסער)

אָ וואַסער, וואַסערדיג וואַסער!
נאַסער. בלאַסער.

ר עֶ ד א ק ט אָ ר :

עס גערט, עס גערט.

פּ אָ עֶ ט : (דעקלאַמירט)

דער קעניג קוקט אויף הויך, און בויערן האָבען זערנעס...
אָ, איהר אַרבייטס־הענד! אָ, איהר פֿאָלקס־געזיכטער!

אַ ר ב יי ט עֶ ר און ב ו י ע ר ן :

זאָל לעבען אונזער דיכטער!

(זיי טיילען איהם שפּייז)

פּ ר אָ פֿ עֶ ס אָ ר : (אין טיעפֿע חקירות)

געװען דאָס זענען יאַמבען —
הא? האָב איך אַ טעות?

פּ אָ ל י ט י ק עֶ ר : (פֿאַרשטעלט צו פֿרוי לילאַ)

פֿרוי לעבענסטאַל מיט קעניג'ס שמייסער
מאַכען אונז באַזוך!

פּ ר אָ פֿ עֶ ס אָ ר :

הייסט עס אַלזאָ: יאַמבען...

(אויפֿזעהער און פֿרוי לעבענסטאַל דער־נעהנטערן זיך)

פֿ ר ו י ל י ל אַ :

זיי קומען — ווייז דאָס געלד!

(ביידע גרייטען זיך צום עמפּפֿאַנג)

א ו י פֿ ז עֶ ה עֶ ר :

מיר קומען אין בעזוך, איהר לאָרדס.

פֿ ר ו י ל ע ב עֶ נ ס ט אַ ל :

איך מאַכען פֿריידען אין בעזוך.

פאָליטיקער: (קוקט זיך איבער מיט פרוי לילאַ)

אַ כבוד אונז, באַראָן הייזער־רייך.

פרוי לילאַ:

ווי פיין ס'איז דער פערפום־גערוך...
מיר וואַרטען שוין אויף אייך.
די גאַנצע צייט איז נור גערעד פון אייך און אייך!
מיין מאַן קאָן גאָרניט זיין אָהן אייך.
אָט פול איך שוין דעם טאָפ!

(שקלאַווין ברענגט שפייז)

אויפזעהער: (צום פאָליטיקער)

וויפיעל עהרע, גרויסער קאָפ,
איהר קעניגס־האנד געאייכעלט!

פרוי לעבענסטאַל:

מיר פיהלען זיך געשמייכעלט.

(מען זעצט זיך)

פרוי לילאַ:

וועט זיין אַ רעגען, צי אַ וויכער?

פרוי לעבענסטאל:

פאָהרט איהר שוין אין בעדער זיכער?

(רעדען ווייטער)

פאָליטיקער:

נעפעל איך אייך אַלס וועלטענ־היטער?

אויפזעהער:

ס'איז גאָר קיין עצה זיך צו געבען
מיט דעם כלאָפסקי אַרבייט־לעבען.

פּאָליטיקער:

מיינע פּלייצעס האַלטען גיטער.

אויפזעהער:

מען מוז זיי גלעטען ביי די... הענד, —
אַז ניט — צעשטערען זיי די ווענד!
אַז ניט — נאַקיוועען זיי מיט בלוט!...

פֿרוי לילאַ:

ווי עס פּאַסט איך אייער הוט!

פֿרוי לעבענסטאַל:

אַך, ווי שעהן עס איז מעבלירט.

פֿרוי לילאַ:

ס'איז ניט אַלעס נאָך באַציערט — —
זעהט מיין זיינער!

פֿרוי לעבענסטאַל:

זעהט מיין קייט!

(אַלע שווייגען. אַ לענגערע פּויזע)

אויפזעהער: (הוסט)

הם... עס איז דער ווייץ געראָטען.

פּאָליטיקער:

גערואָטען?

פֿרוי לילאַ:

פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון סאָציאָלאָגיע —

פֿרוי לעבענסטאַל:

— זענען מייערן טאַקי טייער...

(פּויזע)

פ ר ו י ל י ל אַ:

כ׳האָב די נאַכט געחלומ׳ט פון אַ פריינדין,
וואָס איז גאָטזעליג שוין לאַנג.

פ ר ו י ל עֶ ב עֶ נ ס ט אַ ל:

אַ, איהר מיינט... נו... בעאַטריקס...?

א ו י פ ז עֶ ה עֶ ר:

אויף וואָס איז זי געוועזען קראַנק?

פ ר ו י ל י ל אַ:

עס איז אַזוינס, וואָס — ניט צום ריידען...

פ אָ ל י ט י ק עֶ ר:

אַ טעכטיל־מעכטיל... האַרצענס־ליידען...
איהר פאַרשטעהט...? כאַ, כאַ, כאַ...

(לאַכט מיט אַ פול מויל)

פ ר ו י ל עֶ ב עֶ נ ס ט אַ ל:

געהט, איך שעהם זיך...
האָב איך איהר געזאָגט:
האָסט אַ יונג שוין נאָכגעיאָגט —
שטעל אַ חופה און שלאָג צו!
— עי! אַ בורזשואַ ביסטו! —
נו, האָט זי געהאַט אַ בורזשואַ...

פ אָ ל י ט י ק עֶ ר:

און ער האָט זיך דערשאָסען?...

פ ר ו י ל עֶ ב עֶ נ ס ט אַ ל:

דערשאָסען!

פֿרוי לילאַ:

אַ קאַוואַליר.

אויפֿזעהער:

און אַנדערש קאָן דאָך אויך ניט זיין:
די וועלט איז רונד — אַ פֿעסעל ווײַן.
מען שטעלט עס — זאָל עס שטיין!
— ניין. —
נאָך דער חתונה, — מאַך דיר פֿריידען
פֿאַר די קינדער, פֿון דעם זיידען —
וואָס׳זשע? שכור׳ן איז נעט?

אַלע:

גאַנץ ריכטיג.

פּאָליטיקער:

און אָט איז דער פּאָעט.

אויפֿזעהער: (נעניצט)

... קומט שוין נודזשען.

VI.

(עס קומט דער פּאָעט. איהם נעהט נאָך
דער אַקטיאָר; די אַרטיסטקע דרעהט
זיך פֿון וויפֿען)

פֿרוי לילאַ: (צום פּאָליטיקער)

מאַך אָרדנונג, מאַן.

(באַגריסט דעם פּאָעט)

זייט ווילקאָמען, גרויסער גענייוס!
קומט און — שווימט, און... צימט... און... שטומט און...

אַקוואַ, טעראַ, רעקם פּלעבעניוס,
אָ — פּאעטעניוס!...

אויפזעהער:

זעהר אַנגענעם.

פרוי לילאַ: (דערזעהט דעם אַקטיאָר)

האַ, קוּקט אָן! דער גרויסער קוּנסט־פאַרשוין!
אָ אַפּאָלאָ!

(צו די איבריגע)

ער האָט געשפּילט פאַר׳ן מלך׳ס קרוין.

אַלע:

וויוואַט!

אַקטיאָר: (מיט אַ טיפער פאַרניינונג)

בעסטען דאַנק, איהר שעהנע דאַמען
און איהר הערראַן, יונגע ריטער!
ווילט איהר, שפּיל איך מיינע דראַמען,
ווילט איהר, זינג איך אויף דער ציטער!

פרוי לעבענסטאַל: (צום פּאָעט)

איך האָב געהערט פוּן אייער וויץ.

(פּאָעט אין פאַרלעגענהייט — לאָזט אַראָב די אויגען)

אַקטיאָר:

איך האָב זיי אַלע אין מיין באַזיץ!

(שפּרינגט אַרויף אויף אַ טיש — דעקלאַמירט)

אויפ׳ן מיידיל איז אַ קליידיל,
אונטערן...

אַלע:

בראַוואָ! בראַוואָ! כאַ, כאַ, כאַ!...

(האַלטען זיך ביי די זייטען)

אויפזעהער: (דערזעהט די אַרטיסטקע — ווינקט צו איהר אויף דער זייט)

אויך פון קונסט... איך ווייס... איך ווייס...
איך האָב געזעהן דאָס ויידענס אויף די פיס...
אוי, איז מיר געוואָרען היים!...
ווי זיס... ווי זיס...

אַרטיסטקע:

איהר האָט אַ ווייב.

אויפזעהער:

מאַכט ניט. אַ געטרייע קוה.

אַרטיסטקע: (מאַכט צו אַ'ן אויגעל)

האָט איהר וואו צו... עסען... שפייז...?

פרוי לילאַ: (צום אַקטיאָר)

איהר האָט נאָך ניט מיין בעדואַר געזעהן...

אַקטיאָר: (געהט איהר נאָך)

איך ווער פאַרצעהרט אין ליידענשאַפט...

פרוי לילאַ:

אָ אַפּאָלאָ!

(בלייבען אַרומגענומען אויף דער זאָפע)

פּאָליטיקער: (צו פרוי לעבענסטאַל)

איז היינט ביינאַכט אויף זיכער?

פרוי לעבענסטאַל: (האַלב פאַרשעהמט)

איהר פאַרפיהרער... איך ליב מיין מאַן...

פאָליטיקער:

איך מיין ווייבעל אויך.

נור אַ שפּיל...

פרוי לעבענסטאַל:

היינט קומט ער ניט אַהיים...

פאָליטיקער:

אוי גוט!

(קושט זי)

אויפזעהער: (צו דער אַרטיסטקע)

מיין אַלץ איז דיין!

(נעמט זי אַרום)

אַרטיסטקע:

מיין קעצעלע!

(נעמט איהם אראב דעם רינג פון פינגער)

יועץ: (שעפטשעט דעם אויפזעהער אין אויער)

נאַ זעה: דיין ווייב, דיין אייגען ווייב...

אויפזעהער: (גיט זיך אַ דרעה — כאפּט דעם פאָליטיקער ביי דער האנד)

האַ! איהר וואַגט? מיין הויזליך גליק!

פאָליטיקער: (פארענטפערט זיך)

נור די האַנד...

אויפזעהער:

צו מיר געהער דאָס גאַנצע שטיק!

פאָליטיקער:

שש... די שכנים...

אויפזעהער:

איך האָרווע אויף ברויט! זי ג'הער צו קיינעם.

איך האָב אַ רעכט! אדאָ מיין רינג...

(כאפט זיך, אז ער האָט ניט דעם רינג)

אודאי, אייך איז גרינג...

פרוי לילאַ: (ווארפט זיך אויף פרוי לעבענסטאַל)

מיין מאַן פאַרפיהרט?! אַ גאסען־פרוי. —

דעם פלאַץ פאַרלאָז אין דער מינוט!

רעדאַקטאָר: (איז אונטערגעשפרונגען)

אוי... אוי...

אַ סקאַנדאַלעביל... ווי גוט!

(נאָטירט)

פאָליטיקער: (צום רעדאַקטאָר)

מעקט אָב...

(שטעקט איהם א מטבע אין האנד)

רעדאַקטאָר: (שטרייכט דאָס נאָטירטע — שרייבט פריש)

„דער שטאָלץ פון אונזער לאַנד איז די מאָראַל פון דער משפחה..."

(אלע צעגעהען זיך)

אויפזעהער: (נעמט פרוי לעבענסטאַל)

קום, באַגראָב זיך אין דער היים...

הויפנאר: (קומט זיי אקעגען — צו פרוי לעבענסטאַל)

קעלביל! וואָס לאָזט איהר זיך דערטאַפּען?

(צום אויפזעהער)

ניט גלייכער: אין שטילען אָבצוכאַפען...?

נו, פֿאַרהאַן ביי אונז אין לאַנד אַ גט.
דאָך געשוועגצעלט און באַקוועם איז פּריסטער׳ס חופּה־בעט!

(ער צעלאַכט זיך)

אויפֿזעהער:

ווי ביי אנשטענדיגע מענשען.

(שלעפּט מיט זיך פֿרוי לעבענסטאל — זיי נעמען זיך צו דער אַרבייט)

פֿאַעט (איז געבליבען אליין — פֿאַרטראַכט.

ער נעמט אַרויס אַ נגעל בלעטעל — לעזט)

„... אלס סטרונעס האבען מיר אויף איהם
אַ מענשען־האַרץ געשפּאַנט!
א׳ן אַרים, נאַריש, קליינטשיק האַרץ...״

(צערייסט און וואַרפֿט די שטיקלעך אין באַק־אויוועז)

VII.

(דן קומט. געשטיצט אויף בעאַטריקס׳ פֿליגלען)

דן:

... עס פֿיהלט קיין זיכערקייט מיין פֿוס...

בעאַטריקס:

ווי געטליכער געוועזן דער גרוס
עס וואלט, ווען ניט דער טויטענ־פֿלעק,
וואס בלוטיגט אויף דיין ברוסט...

דן:

ניט דאס געווען איז האפֿנונג׳ס צוועק —
איך האב געשטרויכעלט אומבאַוואוסט...
דיין שכינה׳ס שיין, דיין אייביקייט׳ס געזיכט
האב איך דערבליקען נור געוואלט...

ב עֶ אַ ט ר י ק ס:

אין הייסען קוש ליגט גיפּט צומאל,
דעם פּעלזענ׳ס טויט — אין טאל.
דערפאר האסטו דורך גלויבען און דורך צער
דערזעהן נור דעם ש ע ר
פון שכינה׳ס ליכט,
דעם שאטען נור פון אייביקייטענ׳ס גאלד...

ד ן:

דאך האט מיין גורל מיך געזאלט
מיט דיר, מיט דיר אויף אייביג שוין
באהעפטען אין דער ליעבע׳ס לוין — —
אצינד איז טרייסט פארשוואונדען
און האפנונג׳ס שיין פארביי,
און נור די אלטע וואונדען
זיך עפנען אויף דאס ניי...

ב עֶ אַ ט ר י ק ס:

ניט זיי, מיין דן, באטריבט.
וואלט ניט קדושה׳ס זכות ביי זייט דיר שטעהן,
וואלט ניט דיין הארץ געליעבט, —
ניט וואלסטו היינט דאָ מיך געזעהן
און ניט געוויילט אדאָ.
דאָך צו פריה איז אונזער שעה...

מיר האָבען פלייש געגעסען,
אין שטיינער׳ס הייל געזעסען —
איז ווי דאָס פלייש און ווי דער שטיין
נישטיג אונזער בלוט און ביין.

נור דער גייסט דערגרייכען קאָן די אייביקייט אין זיין באגער.

דערפאַר מוז דער, וואָס קומט אהער,
גאנץ גערייניגט זיין פון נאַכטענ׳ס פראָסט.
דאָך דו האָסט טבילה שוין פארלאָזט
נאָך איידער ס׳האָט דיין שטראל געשיינט —
און האָסט געמיינט: דו ביזט פאריינט...
דורך אָנגעשטרענגטע אויגענ־בליק
זעהט זעלטען ווער דאָס גליק.
דאַרום: דיין גייסט אין דיר דערוועק
און רייניג פון דיין ברוסט דעם פלעק,
וואָס טריפט מיט וועה און ערדענ־בלוט.
יעדע זרע און מינוט
פון דיין געדאַנק דער זעלע שענק,
לויטער זיך אין גייסט, און זיינע געגג
דערנעהר מיט פליגלענ־זעט פון אייביקייט, —
און דעמאָלט ערשט וועט גלגול׳ס צייט
דערהעבען דיך צו געטער׳ס פליה און תמיד׳ס דויר.
פארשווינדען וועט פון דיר די טרויר —
און וועסט געבוירען זיין אין מיר
ווי דער געדאַנק, וואָס וואוינט אין דיר,
און וועסט אויף תמיד מיט מיר דאן
באהעפטען זיך,
ווי מיט דער פרוי עם ווערד באהעפט דער זאמען „מאן“!

דן:

איז גלגול׳ס גאנג דעם לעבענ׳ס לויף,
וואָס פיהרט צום לעצטען ציל ארויף?...

בעֶאטריקס:

דאָס איז דער לוּפט פוּן לעבענ׳ס כאָאָס־ווינד,
פוּן וואַסער, שטיין, און פלאַנץ, און רינד,
און פוּן דעם גייסטיג מענשענ־קינד —
ביז מלאכ׳ס שיין און דער נשמה׳ס לעצטען גאט:
מטהר זיין פוּן שטויב און זינד
דעם זעעלענ־גייסט, און תמימות מקדיש זיין
דעם לעבענ׳ס וויין.
אדאס איז אייביג צוועק׳ס געבאט.

דן:

איך האב דאך אפט די רויזענ׳ס טרער
און טויבענ׳ס צער און שטראל׳ס פארקלער
געזעהן...

בעֶאטריקס:

... און דאס איז נור דעם גייסט׳ס פארלאנג,
דעם גלגול׳ס לעכץ געווען.
מדרגה׳ס שריט איז דמיונ׳ס קלאנג, —
און ניט דער טורעם־שפרונג פוּן רעטער.
ניט דורך בלוט — דורך דער נשמה׳ס קרעפטען
וועסטו פרייד און גליק און געטער
צו דיין אייביקייט באהעפטען.

דן:

אָ בעאטריקס! אָ בעאטריקס!
אין ליכטיקייט דיין ווארט זיך וויגט —
דאך רוהט אין איהם אַ סוד...

בעַאטריקס:

אין ליכטיקייט דער אמת ליגט,
אין דעם געהיימניש — גאָט.
דא נעם די רויז, וואס נאך מיר וואקסט
אויף קבר׳ס גרינעם שטאם,
און אָט דעם דאָרען, וואס זיך פֿלאַקסט
אויף דעם זשעניע׳ס פֿארפֿלאם —
קרוין אַן דיין קאָפּ מיט גאונ׳ס טרער
און שפּייז מיט דופּט דיין דיעך,
ביז דורך געפֿיהלענ׳ס הארץ־פֿארקלער
וועסט געטליך זיין ווי איך.

(דן קרוינט דעם קאָפּ און קושט די רויז אין הימלישער פֿארקלערטקייט)

איצט טובל זיך אין קלארען שטראל,
וואָס וויסענ׳ס רייניקייט טריפֿט —

(פֿיהרט איהם אין הינטערגרונד, וואו ווייסע וואלקענס באוועבען זיין קאָפּ)

דערלויטער זיך פֿון מענשענ־קוואהל
און זיי אין גאָט פֿארטיפֿט!

דן:

עס טראגען וואלקענס מיך אַוועק!
וועל טרעפֿען איך דיין וועג?

בעַאטריקס:

דעם נפש׳ס גורל איז אַ צוועק, —
יעדער איהם פֿארטרויען מעג.
פֿארשידען איז נור צייטענ׳ס לענג.
דאך די כונה קורצט די גענג:
דורך גייסט און ליעבע, נוף־פֿארלאזט,
ווערד אין שטראל דיין הארץ געוויכט,

ביז פֿון דער שכינה'ס דמיון האסט
דעם גלגול־ברעג דערגרייכט!

דן: (נאך קוים געהערט אוים די וואלקענס)

עס שוועבט מיין בליק — —

בעאַטריקס:

אָ מארטער־גליק!...

דן:

בע... אַ... טרי...

(די וואלקענס פֿארשלינגען איהם. בעאטריקס קניט
אנידער און פֿארהילט דאס פּנים אין די הענד)

בעאַטריקס:

פֿאר דיר — פֿאר מיר — פֿאר אייביקייט — —
זאל גלגול קורצען דיר די צייט — — —

VIII.

דער מאן מיט דער קאָסע: (מיט אַ געצוויגען, דומפּיג קבר־קול)

אַ קליינס איז געבוירען —

אַלע:

מזל טוב!

(איניגע לאזען זיך אין א פֿרעהליכען טאנץ)

(ווייסע געשטאלטען שוועבען אן פֿון אלע זייטען, און בשעת אויף
דער ,ערד' ווערד אלץ געארבייט און געטאנצט, צעהילעכט א מעכטיגע מוזיק
און קאָרגעזאַנג)

קאָר פֿון ווייסע געשטאלטען:

די אייביקייט, די אייביקייט זיך גיסט אין אַויר אוים —
אַ ליכטיקייט, אַ ליכטיקייט פֿארפֿולט דער שכינה'ס הויז —

געלויבט אָ זיי, געלויבט אָ זיי, דו גייסט אהן צייט
און ארט!
געפרייזט, געפרייזט, נשמה־גייסט! דו גאט אין
אייגען וואָרט!

(ווייסע וואלקענס פאר־הילען דעם רוים)

יעקב מעסטעל

ביז איצט זענען ערשיענען:

פאר׳חלומ׳טע שעה׳ן

פארלאג ח. איצקאָוויטש לעמבערג.

א ליעבעס־ליעד

פארלאג „שולמית״ קראקא.

ווימא חייזד

פארלאג „שולמית״ קראקא

הויפּט
פֿאַרקויף
פֿאר אייראָפּא:
פֿארלאג „דער קוואַל“
Wien, II. Taborstr. 7

„צענטראַל“
בוך־דרוקעריי און
פערלאגס - געזעל־
שאפט מ. ב. ה.
יוסף האָיער
וויען, IX. בעצירק
ליכטענשטיינשטר.
» נומער 3 «